בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

ע'

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

מען קען נישט היטן די איברים אן תפילה.......................2
דיבורי חול דארפן אויך האבן התקשרות צו השי"ת.......3
דורך שמירת הברית איז מען זוכה צו תפילה.................6
צדיקים האבן זוכה געווען צו זייערע מדריגות דורך תפילה ...7
אז מיר שטרענגען זיך אן וועט אונז השי"ת געבן...........8
היינטיגע צייטן דארף מען האבן תורה מיט תפילה........9
אין יעדן תפילה דארף זיין אויך א שבת...........................10
התבודדות שאינו כראוי ברענגט כעס ............................12
דער רבוש"ע פארליידט נישט וואס מען טרעפט נישט קיין נקודות טובות..........................................................13
זיך פרייען מיט די געוויינטליכע מצוות..........................14
מיר האבן די זכיה צו זיין ברסלב'ער חסידים ..............15
אז איך האב נישט קיין תפילה האב איך נישט קיין שטוב .....16
די דריי תפילות א טאג קען שוין דער בעל דבר - דעריבער דארף מען אויך התבודדות............................17
התבודדות מיינט אויך זיין שטענדיג צוגעבונדן צום אויבערשטן..............................................................18
מאכן פון תורות תפילות – די גרעסטע שעשועים ביי השי"ת19
א ברסלב'ער חסיד וועט נישט האבן קיין תירוצים אויף יענער וועלט..........................................................19
דער עיקר איז התחזקות.......................................................21
ווען מען ווערט מקורב צום רבי'ן הויבט אן ארויפצוקומען די פסולת..........................................................22
דער רבי האט אונז געגעבן די געצייג צו עבודת השי"ת23
דער לימוד פון פסח שני - אין שום יאוש בעולם כלל....23
געלערנט פסח שני ליקוטי הלכות אין מירון ...................25
ראש השנה אין געפענגעניש ביי די ירדן'ער..................26
השי"ת הערט יעדעס ווארט – און עס איז קיינמאל נישט גענוג וויפיל מען איז מתפלל..........................................27
מען דארף האבן עקשנות אין תפילה.............................30
יענעמ'ס עוולות מעג מען נאר זעהן מיט'ן ציל ארויסצוזייגן דערפון..........................................................32
אנשטאט די שיחות זאל מען בעסער לערנען דעם רבי'נס ספרים..............................................................................34
דעם רבי'נס ספרים - גן עדן אויף דער וועלט.................35
מיר קענען נישט זיין אין וואלד אכצן שעה - מיר דארפן נאר אויסנוצן די צייט........................................................36
זיין אויף דעם עולם און נישט זיין אויף ראש השנה דאס קען נישט זיין..............................................................38
דער רבי האט אסאך גוטע עצות - אינמיטן דארף אבער זיין תמימות.............................................................41

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 69**

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 15$

עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (1+)**

בס"ד

# מאמר אמור אל הכהנים

נאמרה בפרשת אמור שנת תשל"ה
(טייפ מס. 79-78#)

## מען קען נישט היטן די איברים און תפילה

(לומד במאמר 'אמור אל הכהנים', לקוטי מוהר"ן תורה ב' אות ב': 'וזה הכלי זיין צריך לקבל על ידי בחינת יוסף, היינו שמירת הברית וכו').

דורך התקשרות צו דעם צדיק, לייגן זיך די 'חיצים' (חיצי התפילה) אריין אין דעם 'קשת' (- הצדיק), (עיין לקוטי מוהר"ן תניינא סי' פ"ג). דער רבי רעדט דאך ווייטער פון התקשרות (באות וא"ו), איין זאך וואס מען דארף האבן דורך יוסף'ן - מען דארף האבן התקשרות צו דעם צדיק, יוסף איז דאך שמירת הברית, און מען דארף בעטן דעם אויבערשטן אוודאי, בעטן דעם אויבערשטן אויף היטן די אויגן, בעטן דעם אויבערשטן אויף היטן דאס מויל, עס גייט נישט אזוי, די אויגן וועט ער בשום אופן נישט איינהאלטן, אויב ער וועט נישט בעטן דעם אויבערשטן; אז ער וועט בעטן דעם אויבערשטן און פארשטייט זיך אז ער וועט זיך היטן אויך, (דאן) העלפט אים דער אויבערשטער, (דאן) גיט מען אים כוחות מלמעלה אז ער זאל קענען זיך היטן.

אזוי אויך איז מיט'ן מויל, מיט'ן דיבור, (מען דארף) בעטן דעם אויבערשטען מ'זאל היטן דעם דיבור, מען זאל נאר רעדן א דיבור וואס איז א שבח פאר'ן אויבערשטן. רעדן פונעם תכלית, תורה, תפילה, דאס רעדט מען (אפילו) נישט, ס'זאל נישט זיין א דיבור אסור, לשון הרע, רכילות, דאס איז אוודאי א דבר פגום.

(אבער) אפילו א דבר רשות, א דיבור בטל, איז עס א ענין פון פגם הברית - אזוי קומט אויס, ממש רעדן דברים בטלים הייסט פגם הברית, ווייל דאס האט א קשר מיטן מח, דער רבי רעדט 'ראש דברך אמת[א]' - זאגט דער רבי

---

[א] תהלים קיט, קס.

דארט אין די תורה כ"א[ב] - דער ראש איז דער מח, דער 'דברך אמת' האט א שייכות צום מח, און דער מח איז דאך תיקון הברית; וואס דער צדיק האט א שענערער מח – (ווייל ער איז מערער אפגעהיטן די מויל וכו').

דער רבי זאגט, "דעם כלי זיין דארף מען מקבל זיין דורך די בחינה פון יוסף'ן, היינו שמירת הברית!"

דער רבי ברענגט א פסוק,[ג] 'חגור חרבך על ירך', גארטל אן דיין שווערד - על ירך - דורך בעטן אויף שמירת הברית, דארטן 'גארטל אן דיין שווערד', מען מוז דאך אזוי טייטשן, קומט דאך אוים וואס זאלן טאן די מענטשן? - -

די צדיקים וואס זיי זענען געווען, האבן אויך אוועקגעגעבן יארן אין די פעלדער און די וועלדער, נאר געגעבן תפילות אויף דער זאך; פון וואנעט זענען זיי געווארן צדיקים?! זיי זענען שוין צדיקים, מיר דארפן האבן אן התקשרות צו זיי, אבער פונדעסטוועגן (דאך) זיי האבן דאך אויך אוועקגעגעבן געוואלדיגע תפילות אויף דער זאך, און ביי יעדן איינעם, א חוץ וואס ער איז זיך מקשר צום צדיק דארף ער (אויך) אוועקגעבן אסאך תפילות אויף דער זאך.

## דיבורי חול דארפן אויך האבן התקשרות צו השי"ת

דער מענטש וואס ער וויים אז דער דיבור איז ביי אים וואלוול (ביליג), דער דיבור איז ביי אים נישט אפגעהיטן, דארף ער אוועקלייגן תפילות! ליצנות איז פגם הברית, די

---

[ב] וז"ל: אֲבָל לְהַגִּיעַ לִבְחִינַת שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל, אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לָזֶה, אֶלָּא שֶׁיְּקַדֵּשׁ אֶת פִּיו וְחָטְמוֹ וְעֵינָיו וְאָזְנָיו, וְהֵן הֵן מְאִירִין לוֹ שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל. הַיְנוּ, שֶׁיִּשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ מִלְּהוֹצִיא שֶׁקֶר מִפִּיו, וְיִהְיֶה לוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם, שֶׁהוּא בְּחִינַת חֹטֶם, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָהוּ י"א ג'): "וַהֲרִיחוֹ בְּיִרְאַת ה'", וְיִהְיֶה לוֹ אֱמוּנַת חֲכָמִים, הַתָּלוּי בְּאָזְנַיִן, בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי כ"ב י"ז): "שְׁמַע דִּבְרֵי חֲכָמִים", וְיַעֲצִים עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע, כִּי הֵן הֵן הַמְעוֹרְרִין אֶת שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל לָבוֹא, כִּי הַפֶּה וְהַחֹטֶם וְהָעֵינַיִם וְהָאָזְנַיִם תְּלוּיִים בַּמֹּחַ, וְהֵן מְעוֹרְרִין אֶת הַמֹּחַ שֶׁיִּהְיֶה בִּבְחִינַת קֶדֶם, בִּבְחִינַת פָּנִים.

וְזֶה בְּחִינַת (תְּהִלִּים קי"ט ק"ס): "רֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת" זֶה בְּחִינַת מֹחַ הַנֶּאֱמַר אֵצֶל פֶּה; וְזֶה (שָׁם קי"א י'): "רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה'" זֶה בְּחִינַת מֹחַ הַנֶּאֱמַר אֵצֶל חֹטֶם; וְזֶה בְּחִינַת (מִשְׁלֵי ט' ח'): "הוֹכַח לְחָכָם וְיֶאֱהָבֶךָּ" זֶה בְּחִינַת מֹחַ הַנֶּאֱמָר אֵצֶל אָזְנַיִן, בִּבְחִינַת "שְׁמַע דִּבְרֵי חֲכָמִים".

[ג] תהלים מה, יד.

משנה זאגט[ד] אז ווען צוויי מענטשן זיצן און רעדן נישט קיין דברי תורה איז עס א מושב ליצים, א מושב ליצים איז שוין אן ענין פון פגם הברית[ה].

א מענטש רעדט אמאל אזוי א דיבור, דארף ער אויך האבן א התקשרות אינעם דיבור (למשל) איך רעד א דיבור אזוי פון געלט זאכן, דארף עס אויך האבן א התקשרות צו א גוטע זאך, מען איז דאך אין דעם עולם, מען איז נישט קיין מלאכים, מען דארף דאך האבן געלט, מען דארף קויפן אויף שבת, מען דארף דאך האבן געלט, דארף ער אויך האבן - דער דיבור וואס ער רעדט דארף אויך האבן א התקשרות פון אמת, נישט סתם.

- דער רבי זאגט אין דער תורה פ"ב אינעם אנדערן חלק[ו], לה' הארץ - ארץ מיינט מען דעם דיבור, אז ס'האט א התקשרות צום אויבערשטן דעמאלט איז ומלואה, במלואו ובשלימות; און טאמער - זאגט דער רבי - (ער זאגט) 'אנא אמלוך', ער וויל זיך אליין - ער וויל נישט מקשר זיין זיין מלכות צום אויבערשטן, איז עס שלא כסדר, דעמאלט הייסט עס שלא כסדר, ווארום די וועלט אליין רופט זיך אן עלמא דשיקרא, עלמא דפירודא, עס איז שקר און עס איז פירוד, מחלוקת. דארט איז עלמא דקשוט, דארט איז אן התקשרות, א חיבור, נישט קיין פירודא.

---

[ד] אבות פ"ג מ"ב.

[ה] ראה אבות פ"ג משנה יג

[ו] תורה פב תניינא, וז"ל: וְזֶה בְּחִינַת אָדָם וְחַוָּה, כְּסֵדֶר וְשֶׁלֹּא כְּסֵדֶר. הוי"ה בְּמִלּוּי אַלְפִין גִּימַטְרִיָּא מ"ה אָדָם, וְחַוָּה הוּא בְּחִינַת: 'מַלְכוּת פֶּה וְתוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה קָרֵינַן לָהּ'. וְחַוָּה לְשׁוֹן דִּבּוּר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים י"ט): "וְלַיְלָה לְלַיְלָה יְחַוֶּה דָּעַת", הַיְנוּ מַלְכוּת פֶּה. כִּי הַמַּלְכוּת נִקְרָא דִּבּוּר, עַל שֵׁם 'כִּי אֵין מֶלֶךְ בְּלֹא עָם', וְאֵין הָעָם יוֹדְעִים רְצוֹנוֹ אֶלָּא אִם כֵּן כְּשֶׁהַמֶּלֶךְ מְגַלֶּה מַחֲשַׁבְתּוֹ וּרְצוֹנוֹ לְתוֹךְ דִּבּוּרוֹ. נִמְצָא שֶׁעִקַּר הַנְהָגוֹת מַלְכוּתוֹ אֵינוֹ אֶלָּא עַל יְדֵי דִּבּוּר, וְזֶה פֵּרוּשׁ: 'מַלְכוּת פֶּה:' וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים, שֶׁלִּפְעָמִים הוֹלֵךְ לְהָאָדָם שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר, כִּי שְׁלֵמוּת שֶׁל כָּל הַדְּבָרִים אֵינוֹ אֶלָּא כְּשֶׁהֵם מְיֻחָדִים וּמְקֻשָּׁרִים בּוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי הַשְּׁלֵמוּת וְהַמִּלּוּי הִיא הַחִיּוּת. כִּי אֵיבָר שֶׁנִּסְתַּלֵּק מִמֶּנּוּ הַחִיּוּת, אֲזַי נִקְרָא חִסָּרוֹן. וְהַחִיּוּת הִיא הַמֹּחִין וְהַשֵּׂכֶל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (קֹהֶלֶת ז): "וְהַחָכְמָה תְּחַיֶּה" וְכוּ', וְהַחָכְמָה הוּא בְּחִינַת מָה כֹּ"חַ מָ"ה, מֶ"ה חַיֵּינוּ מַ"ה כֹּחֵנוּ. וּמָ"ה הוּא אָדָם, כִּי לֵית אָדָם בְּלָא אָלֶף, הַיְנוּ הוי"ה בְּמִלּוּי אַלְפִין. הַיְנוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הוּא חִיּוּת שֶׁל כָּל הַדְּבָרִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (נְחֶמְיָה ט): "וְאַתָּה מְחַיֶּה אֶת כֻּלָּם". נִמְצָא זֹאת הַבְּחִינָה מַלְכוּת, חַוָּה כְּשֶׁהִיא מְקֻשֶּׁרֶת לָאָדָם, לִבְחִינַת מָ"ה, הַיְנוּ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אֲזַי יֵשׁ לָהּ שְׁלֵמוּת. כִּי הַשֵּׂכֶל שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שָׂם בְּהַנְהָגַת מַלְכוּתוֹ, בָּזֶה הוּא מְחַיֶּה אוֹתָהּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "הַחָכְמָה תְּחַיֶּה". וְזֶהוּ (תְּהִלִּים כ"ד): "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ" כְּשֶׁהָאָרֶץ, הַיְנוּ בְּחִינַת חַוָּה מַלְכוּת מְקֻשֶּׁרֶת לַה', אֲזַי הוּא בִּמְלֹאוֹ וּבִשְׁלֵמוּת :וּמִי שֶׁמְּחַלֵּק בְּחִינַת חַוָּה, מַלְכוּת לְעַצְמוֹ, שֶׁאוֹמֵר: אֲנָא אֶמְלֹךְ בָּזֶה הוּא מְחַלֵּק וּמַפְרִיד אוֹתָהּ מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אֲזַי אֵינָהּ בִּשְׁלֵמוּת. כִּי עִקַּר חִיּוּתָהּ מָ"ה, הַיְנוּ הַשֵּׂכֶל.

אויב איך וויל נאר די וועלט אליין, איך בין זיך נישט מקשר צום אויבערשטן, (דאן) ליג איך אין א שלא כסדר, ליג איך אפגעריסן - די וועלט אליין איז פוהל מיט פגמים, מיט פארשידענע שקר, און אויב איך בין זיך מקשר, קען איך - - דעמאלס איז עס בשלימות. דער טוט א זאך (און דער טוט), דער רעדט און דער רעדט, דער שלאפט און דער שלאפט, אבער דער איז מקשר דעם דיבור צום אויבערשטן (דעריבער) איז עס במלואו ובשלימות, האט עס א שלימות! און דער איז אפגעריסן, איז ער אפגעריסן, און אז עס איז אפגעריסן קען ארויסקומען אסאך קילקולים דורכדעם, אפילו פון - -

אז ער ווערט שוין געוואוינט צו רעדן דברים בטלים, רעדט מען שוין א דיבור פגום אויך, אפילו א דיבור הרשות איז דאך אויך דברים בטלים[ז], דברים בטלים איז דאך פשט דיבורים וועלכע זענען נישט קיין תורה ותפילה, כאטש עס איז נישטא קיין דיבור אסור, אבער עס איז דברים בטלים, דאס אליין איז שוין אויך א פגם.

יעדער זאך וואס דער רבי האט ארויסגערעדט מפיו הק' כאטש די זאך איז זייער הויך, אבער מען האט עס פאר אונז געזאגט - דער רבי רעדט דארטן די מעשה פון כבד פה[ח], "איר מיינט איך בין א כבד פה?! איך בין גאר קיין כבד פה נישט, נאר די דיבורים פון די וועלט וואס זיי זענען נישט קיין שבחים צום אויבערשטן האבן נישט קיין שלימות", דאס רעד איך נישט.

אז דער רבי האט עס פאר אונז ארויסגערעדט איז א סימן אז מען דארף מאכן אז דער דיבור זאל האבן א שלימות, ווען האט עס א שלימות? תורה תפילה, דיבורים צום אויבערשטן אוודאי, אפילו ער רעדט מיט א חבר דארף מען רעדן דיבורים פונעם תכלית, אז מען רעדט נישט קיין אנדערע דיבורים, הייסט ער ביי די וועלט א כבד פה, ווייל ער רעדט דאך נישט! ער רעדט נישט קיין אנדערע דיבורים, משה רבינו איז דאך אויך א כבד פה.

---

[ז] עי' יומא י"ט ע"ב.

[ח] סיפורי מעשיות מעשה י"ג.

# דורך שמירת הברית איז מען זוכה צו תפילה

"מפרי בטנך אשית לכסא לך, אם ישמרו בניך בריתי[ט']" מיינט מען תפילה, משיח, ווען? דורך דער בחינה פון יוסף - ויוסף ששמר את הברית, נטל את הבכורה, שהוא עבודת התפילה!

פון דאנעט ווייזט דאך אויס, אזוי ווי אין דער תורה - עס שטייט אין דער תורה, אז יוסף האט פריער עומד בנסיון געווען (און ערשט) נאכדעם האט אים יעקב געגעבן די בכורה.

אבער אין אמת'ן ווייזט אויס ווי דער רבי שמועסט אז יוסף האט אסאך געבעטן דעם אויבערשטן ער זאל עומד בנסיון זיין.

אין דער תורה זענען דא עטליכע פסוקים, 'וימאן'[י'], און ער איז שוין אין תפיסה, און ער איז שוין ארויס פאר פרעה, און ער איז שוין א מלך, (עס זעהט אויס ווי) עס גייט איינס צוויי און ער איז שוין א מלך, עס שטייט דאך איינס נעבן דאס אנדערע, אבער פון קומען קיין מצרים און פון דעם נסיון און אריין אין תפיסה, און ליגן צוועלף יאר אין א גרוב, א נסיון פון ליגן אין א גרוב דארטן אין מצרים, און ארויס (פון דעם גרוב) און ווערן א מושל אויף גאנץ ארץ מצרים – דאס איז נישט געווען אזוי גיך.

עס שטייט טאקע - דער מדרש זאגט אזוי[י"א], אז דער פוטיפר האט געזעהן אז ער האלט אין איין רעדן מיטן מויל, ער מאכט מיט'ן מויל, האט ער געמיינט אז ער מאכט כישוף, ער האט געזעהן ער מאכט מיט די ליפן, ער שאקלט מיטן מויל – יוסף, ער האט אליץ גערעדט צום אויבערשטן אויף יעדן זאך, און ער האט געמיינט (אז ער איז) עפעס א כישוף-מאכער, דו ביסט אריין געקומען מאכן דא כישוף אין מצרים? מצרים איז דאך פוהל מיט כישוף!

---

[ט'] תהלים קלב, יא.

[י'] בראשית לט, ח.

[י"א] ב"ר פרשה פ"ו ה' וז"ל: וירא אדוניו כי ה' אתו וכו' ר"ה בשם ר' אחא אמר מלחש ונכנס מלחש ויוצא, הוה אמר ליה מזוג רותחין והיו רותחין, פושרין והיו פושרין, אמר מה יוסף תבן לעפרים אתה מכנים, קדרים בכפר חנינא, גזזין בדמשק, חרשין במצרים באתר דחרשין חרישין וכו', ע"כ.

# צדיקים האבן זוכה געווען צו זייערע מדריגות דורך תפילה

זעהט מען אלס ארויס אז דער ענין פון אלע צדיקים וואס האבן (זוכה געווען צו מדריגות, איז דאס געווען דורך תפילה).

פנחס האט גענומען א שפיז גע'הרג'עט זמרי בן סלוא[י"ב], פארטיג און שוין - - (עס) שטייט אין תהלים (אבער) 'ויעמוד פנחס ויפלל'[י"ג], ער האט געבעטן דעם אויבערשטן, (דער פסוק זאגט), 'הנני נותן לו את בריתי שלום', (ווייל) ער האט איינגעהאלטן (דעם חרון אף) - ולא כליתי בני ישראל בקנאתי[י"ד], וואס איז דא געווען וואס אזוי? דעם שווערד האט ער גענומען מיט תפילה! ער האט געטאן גוטע תפילות. י"ב ניסים איז געווען דעמאלט, רעכענט דער מדרש[ט"ו] אוים בשעת ער האט גע'הרג'עט. ווי אזוי איז עס געטוהן געווארן? אזוי וואלגערט זיך אויבן ניסים?! עפעס אזוי גייט מלמעלה ניסים?! דער מענטש איז געווען ראוי דערצו, ער האט אוועקגעגעבן תפילות! ער האט נישט געשוויגן! איז געווארן, יעדער זאך די אלע - -

עס שטייט דארטן ביי בועז'ן, חי ה', שכבי עד הבוקר[ט"ז], ער האט געשוואוירן ביים אויבערשטן.

---

[י"ב] במדבר כה, ז.

[י"ג] תהלים קו, ל.

[י"ד] במדבר שם, יא-יב.

[ט"ו] במדב"ר פ"כ כ"ה וז"ל: וקנא לשמו של הקדוש ב"ה ועשה לו י"ב נסים, הנס הא' דרכן לפרוש זה מזה והדביקן המלאך, הנס הב' סתם פיהם המלאך כדי שלא יצווחו, הג' כוון את הרומח כנגד הקיבה שלה כדי שתהא זכרותו נראה בתוך הקבה מפני הנוקרנין כדי שלא יהיו אומרים אף הוא נכנס ועשה צרכו, הרביעי האריך הברזל כדי שידקור את שניהם, החמישי נתן כח בזרועו כדי שיגביה את שניהם, הששי נתן כח בעץ לסבול את שניהם השביעי לא נשמטו מן הזיין אלא עמדו במקומן, השמיני הפכן המלאך בראש הרומח כתקנן לראות קלונם לכל, התשיעי לא הטיפו דם שלא יטמא פנחס, העשירי ששמר הקדוש ברוך הוא רוחותיהן שלא ימותו ויטמא, הי"א הגביה המלאך את המשקוף כדי שיצאו שניהם בין כתפיו תלוין לעיני הכל, הי"ב כשיצא עמדו בני שבטו לפגוע בו ירד המלאך ונגף בהם, כשראה פנחס שמבקש לכלותן חבטן בקרקע ועמד והתפלל וסלקו הה"ד (תהלים קו) ויעמד פינחס ויפלל וכו'.

[ט"ז] רות ג, יג.

און דער רבי זאגט דארטן אין תורה ל"ח[י"ז], (געשריגן) צום אויבערשטן ביז ס'איז געווארן בוקר, 'בוקר' מיינט מען 'בוקר דאברהם', איז ארויסגעגאנגען דער דיבור בשיר ושבח והלל להקב"ה, עס איז ארויסגעקומען דוד המלך וואס ער האט געמאכט א תהלים.

אבער אזוי שטייט, חי ה', חי ה' איז דאך א שבועה, דאס איז געווען א - א גאנצע נאכט (האט ער) געשריגן צום אויבערשטן, די צדיקים, בועז, יוסף, (און פון דעם) איז געווארן דער בוקר - דער חסד לאברהם[י"ח] - אזוי זאגט דער רבי דארטן, און דער דיבור איז ארוים בשיר ושבח והלל להקב"ה.

יעדער איינער וואס דער אויבערשטער העלפט אים דארטן, אז ער איז מער אפגעהיטן איז אלץ דערפאר וואס ער איז מער עוסק אין התבודדות - וואס ער בעט דעם אויבערשטן מער אויף דער זאך, (ממילא) העלפט אים דער אויבערשטער, מען דארף (טאקע) האבן סייעתא דשמיא, התקשרות צום צדיק.

# אז מיר שטרענגען זיך אן וועט אונז השי"ת געבן

נאר וואס דען? אז דער מענטש גיט ארוים (כוחותיו) דער רבי זאגט אין א תורה[י"ט], 'תנו עוז לאלקים', הוא נותן עוז ותעצומות לעם[כ'], מיר דארפן אוועקגעבן אונזער

---

[י"ז] וז"ל: 'הַלּוֹמֵד תּוֹרָה בַּלַּיְלָה. מוֹשְׁכִין עָלָיו חוּט שֶׁל חֶסֶד בַּיּוֹם'. 'חֶסֶד', הוּא בְּחִינַת בֹּקֶר דְּאַבְרָהָם. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר (מִקֵּץ ר"ג.): "הַבֹּקֶר אוֹר" 'דָּא בֹּקֶר דְּאַבְרָהָם'. וְהָאֲנָשִׁים שֻׁלְּחוּ, אִנּוּן מָארֵי דְּדִינִין. הֵמָּה וַחֲמוֹרֵיהֶם, אִנּוּן וְכָל סִטְר מְסָאֲבָא. וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (רוּת ג'): "שִׁכְבִי עַד הַבֹּקֶר". אֲזַי נוֹפְלִים כָּל הַמְקַטְרְגִים הַשּׁוֹלְטִים עַל הַדִּבּוּר, וְאָז הַדִּבּוּר יוֹצֵא בְּשִׁיר וָשֶׁבַח וְהַלֵּל לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים פ"ג): אֱלֹקִים אַל דֳּמִי לָךְ; וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ל'): "לְמַעַן יְזַמֶּרְךָ כָבוֹד וְלֹא יִדֹּם", וְאָז: "בְּרָן יַחַד כּוֹכְבֵי בֹקֶר" וְכוּ' (אִיּוֹב ל"ח):

[י"ח] מיכה ז, כ.

[י"ט] תורה קמ"ז, וז"ל: עַל יְדֵי עַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ, הוּא מְקַבֵּל עַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְהוּא בְּחִינַת (תְּהִלִּים ס"ח): "תְּנוּ עֹז לֵאלֹקִים, אֵל יִשְׂרָאֵל הוּא נוֹתֵן עֹז וְתַעֲצוּמוֹת לָעָם", 'תְּנוּ עֹז לֵאלֹקִים', זֶה בְּחִינַת אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא, שֶׁעַל יְדֵי זֶה שֶׁיֵּשׁ לָנוּ עַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה לַעֲמֹד כְּנֶגֶד כָּל הַקָּמִים עָלֵינוּ לִמְנֹעַ אוֹתָנוּ מֵעֲבוֹדָתֵנוּ, חַס וְשָׁלוֹם, וְאָנוּ מִתְגַּבְּרִין בְּעַזּוּת גָּדוֹל כְּנֶגְדָּם, שֶׁזֶּהוּ עַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה, עַל יְדֵי זֶה אָנוּ נוֹתְנִין כִּבְיָכוֹל עֹז וְכֹחַ לְמַעְלָה, בִּבְחִינַת "תְּנוּ עֹז לֵאלֹקִים". וְעַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר לְמַעְלָה בְּחִינַת עַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה, וְנִשְׁפָּע עָלֵינוּ, בִּבְחִינַת "אֵל יִשְׂרָאֵל הוּא נוֹתֵן עֹז וְתַעֲצוּמוֹת לָעָם", שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַשְׁפִּיעַ עָלֵינוּ עַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה, וְנוֹתֵן לָנוּ עֹז וְתַעֲצוּמוֹת, לַעֲמֹד כְּנֶגֶד הָעַזּוּת דְּסִטְרָא אָחֳרָא שֶׁל כָּל הָעַזֵּי פָּנִים שֶׁבַּדּוֹר, שֶׁאִי אֶפְשָׁר לַעֲמֹד כְּנֶגְדָּם, כִּי אִם עַל יְדֵי עַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה.

[כ'] תהלים סח, לה-לו.

שטארקייט צום אויבערשטן, דעמאלט וועט דער אויבערשטער אונז געבן שטארקייט - 'הוא נותן עוז'.

תנו עוז לאלקים - גיט א שטארקייט צום אויבערשטן, און 'הוא נותן עוז ותעצמות לעם', ברענגט דער רבי, אז איך וועל געבן מיין שטארקייט צום אויבערשטן – (אז) איך וועל ארויסגעבן מיינע כוחות, דעמאלט וועט דער אויבערשטער געבן, 'עוז ותעצומות לעם', - וועט דער אויבערשטער געבן זיינס.

ד. ה. יעדער איינער דארף געבן זיינע כוחות, זיין שטארקייט, דער אויבערשטער ווייס דאך וויפיל איך האב כוחות, און (אז) ער גיט ארויס זיינע כוחות, העלפט ער אים! אויב זיינע (- דעם מענטשן'ס) כוחות זענען נישט מספיק, העלפט ער אים.

אבער אז א מענטש גיט נישט ארויס קיין שטארקייט - ער לאזט זיך אפ (פאלט ער).

אז איך וועל גיין אויף קוילן - וועל איך זיך דאך אפבריהען, זאגט דארטן שלמה המלך:[כ"א] "אם יהלך איש על הגחלים ורגליו לא תכוינה"?! אז איך גיי אויף קוילן וועל איך זיך (דאך) אפבריהען. אז דו וועסט זיך נישט היטן וועט ער (הבע"ד) דיך אפבריהען! מען דארף זיך היטן, און דערצו איז דער רבי מודיע דער זאך "בעטן דעם אויבערשטן!"

## היינטיגע צייטן דארף מען האבן תורה מיט תפילה

און וויפיל דו האסט אין זיך כוחות (זיך) צו היטן דארפסטו (עס) אויסנוצן, אבער מיט תפילה! תפילה – דעמאלט וועט מען דיר געגעבן כוחות. אין די פריערדיגע דורות איז געווען ביי זיי אזא מין תורה לשמה, אזא מין דביקות צום אויבערשטן, אז די תורה אליין איז געווען תפילה.

טאקע (ביי) די חבריא פון רבי שמעון (בר יוחאי) זעהט מען נישט אזוי פיל תפילה, (נאר) תורה תורה[כ"ב]! (פארוואס? ווייל) זייער תורה אליין איז געווען תפילה. עס איז געווען אזא מין דביקות צום אויבערשטן, זייער תורה איז געווען א תורה פון עתיקא סתימאה, ביי זיי איז געווען א געוואלדיגע דביקות צום אויבערשטן, אבער היינט, היינט איז

[כ"א] משלי ו, כח.

[כ"ב] עי' שבת י"א ע"א.

נישטא די תורה. דער רבי ברענגט טאקע[כ"ג] אז עס זענען געווען אזעלכע וואס אינמיטן לערנען זענען זיי נסתלק געווארן, פארוואס? ווייל די הייליגע תורה איז היינט נישטא, (דעריבער) מוז מען משתף זיין תפילה!

דער רבי רעדט דא פון משיח בן יוסף און משיח בן דוד, משיח בן דוד דאס איז תפילה, דאס איז יהודה - (הפעם אודה[כ"ד]) תפילה, דוד, און יוסף דאס איז שמירת הברית. רעדט דער רבי דא אז די תפילה-משיח מוז גיין דורך יוסף'ן, רעדט דער רבי דא פוןביידע משיחין, יוסף און דוד, עס מוז האבן ביידע אן התקשרות,[כ"ה] ויוסף ששמר את הברית, נטל את הבכורה, שהוא עבודת התפילה!

# אין יעדן תפילה דארף זיין אויך א שבח

וואס האט בכורה א שייכות מיט תפילה? בכורה איז 'פי שנים'[כ"ו], זאגט דער רבי, תפילה איז אויך פי שנים, שנים, שיש בהם שבחו של מקום ושאלת צרכיו, דאס איז צוויי שארפן, א שארף פון איינגעמען מלחמות, א חרב פיפיות.

ווארום אפילו דו ווערסט אנהאלטן איין שארף אליין, בעטן אליין - דאס טויג נישט, ער דארף האבן שבחו של מקום אויך, ער דארף לויבן דעם אויבערשטן, און בעטן דעם אויבערשטן! "אפילו אויף דער זאך וואס ער בעט, האט ער אויך וואס צו לויבן!".

איך בעט דעם אויבערשטן אויף שמירת עיניים, דארף איך לויבן דעם אויבערשטן וואס איך בעט אויף (דעם), אז איך וויים אז דאס פעלט מיר, אז איך וויים אז דאס איז א (פעלער) - 'אם יזכה שירגיש באמת כאב חטאיו'[כ"ז] - ער וויים אז דאס איז א געוואלדיגער פגם, אז ער וויים אז מען דארף בעטן אויף דער זאך, קען ער שוין דאנקען און לויבן גא-ט (דערויף) וואס ער בעט אויף דער זאך! וואס איך וויים אז מען דארף בעטן אויף דער זאך! איז שוין דארטן דא שבחו של מקום.

---

[כ"ג] תורה רי"ד

[כ"ד] בראשית, כט, לה.

[כ"ה] ראה חיי מוהר"ן – אות ז' וְיֵשׁ צַדִּיק אֶחָד שֶׁהוּא כָּלוּל מִתְּרֵין מְשִׁיחִיו יַחְדָּיו

[כ"ו] דברים כא, יז.

[כ"ז] ליקוטי מוהר"ן תורה קמ"א

דאס איז צוויי שארפן, יעדער איינער אויף וואס ער בעט דעם אויבערשטן, דארף ער לויבן דעם אויבערשטן!

ווייל די גרויסע גיבורים אין די מלחמות, האט ער א שווערד פון צוויי שארפן, ווייל אז עס קומט א שונא פון ביידע זייטן, אז ער וועט וועלן איבערדרייען - אויב עס איז נאר איין שארף, ביז'ן איבערדרייען דעם שארף קען ער דערווייל פארשפילן, ער האט נישט א רגע, אז ס'איז נאר איין שארף און דער שארף קומט אויס דארטן, און דער שונא קומט פון די זייט און דער פון די זייט, מוז ער האבן א שווערד מיט צוויי שארפן, קען ער האקן, ער דארף נישט איבערדרייען די שווערד, וואו ער דרייט קען ער כובש זיין.

זאגט דער רבי, תפילה איז חרב פיפיות, עס איז צוויי שארפן, שבחו של מקום, ושאלת צרכיו. דאס זענען די צוויי שארפן! לויבן דעם אויבערשטן און בעטן דעם אויבערשטן!

דערפאר דער בכור נעמט 'פי שנים'; 'בכור' זאגט דער רבי, איז תפילה, און תפילה איז אויך פי שנים.

ממילא אז א מענטש גייט צו בעטן דארף ער פריער לויבן דעם אויבערשטן, דארף ער דאנקען דעם אויבערשטן (און) לויבן דעם אויבערשטן, אפילו (אויב) איך וויל האבן התבודדות, דארף איך אויך פריער לויבן דעם אויבערשטן[כ"ח].

אין אומאן איז געווען איינער (וואס) ער פלעגט קומען אויף ראש השנה. ער האט געוואוינט אין מאסקווע, א גאנץ יאר געווען אין מאסקווע, גייט (אויף אים) אריבער אסאך, איז ער געקומען אויף ראש השנה, זאגט ער מיר, ער גייט ארויף (צום רבי'ן, און) ער קען גארנישט רעדן, ער איז פארקלאפט, ער קען נישט רעדן. האט ער ארויסגערעדט צו מיר: 'איך בין געקומען (און) איך האב געמיינט אז איך וועל אויסשיטן אויפ'ן ציון, (אבער) איך קען גארנישט רעדן'.

---

[כ"ח] ראה באריכות ליקוטי הלכות נחלות ד', על תורה זו.

(אמרתי לו) דו ווייסט פארוואס? (ווייל) דו גייסט ארויף גלייך בעטן, לויב דעם אויבערשטן פריער.

(חסר)

## התבודדות שאינו כראוי ברענגט כעס

(אם הוא מתבודד להשי"ת, או משיח לבו לצדיק, רק במרירות על מה שעובר עליו, בלי להודות על הטוב שלו ועל הנקודות טובות שלו, ועל חסדי השם יתברך), און ער גייט אוועק דערמיט, איז ער ברוגז אויף זיך אליין, ער האט נאר דעביוועט (הגיע אל) א קופע מיסט, ער רעכנט זיך אוים דארט, ער איז זיך מבזה, ער רעכנט זיך אויס דארטן, איך בין, איך בין, איך בין מגושם, איך בין מזוהם, אלעס רעכנט ער אויס דארטן - וואס ענדיגסטו?! וואס האסטו דא געטאן?! האט דיר געמאכט א קופע (ערימה) מיסט, (וואס) עס איז דא (דערפון) א ריח רע - ווערסטו אין כעס, אבער אז די זאך איז אויסגעמישט מיט תודה והודאה, מיט א התחזקות, מיט נקודות טובות - -

אויב נישט הייסט עס התבודדות שאינו כראוי, עס ברענגט אים צו כעס[כ"ט]. א מענטש קען זיך אמאל אויסגעבן גוט, און נאכדעם קומט ער אריין אין שטוב און ער איז אין כעס (אויף דעם וואס) ער איז אזוי ווי ער איז, (און) ער הייבט אן (צו) שרייען אויף איר, אויף די קינדער, (ער איז אין) כעס, ווייל עס איז נישט כראוי, דאס ברענגט אים נאר, ער זאל מאכן א קופע מיסט (וואס מאכט) א ריח רע, (דאן) ווערט ער אין כעס. עס דארף זיין מבושם, אזוי ווי א מין בשמים, שבחו של מקום איז אזוי ווי א מין בשמים,[ל'] א מענטש דארף דאנקען דעם אויבערשטן אויך.

גרויסע צדיקים האבן זיך מחיה געווען מיט ציצית, ביי אונז איז עס גארנישט...

אויף וואס ער בעט דעם אויבערשטן האט ער דארטן וואס צו לויבן,אויף דער זאך וואס ער בעט, איז דארטן דא וואס צו לויבן, א מענטש אז ער בעט דעם אויבערשטן אויף פרנסה איז דארטן אויך דא אן הרחבה, ער האט נאך עפעס, ער האט דאך לחם ומים, ער דארף האבן נאך.

---

[כ"ט] בספר המידות כעס אות לה. ז"ל: כעס בא על ידי התבודדות שאינו כראוי.

[ל'] נראה שהכוונה ע"פ מה שהביא רבינו על זה את הכתוב תהלתי אחטם לך.

אבער אז בעט און בעט און ער פילט נישט קיין שום הרחבה, זאגט דער אויבערשטער, איך גיב דיר גארנישט? איך גיב דיר גארנישט?

## דער רבוש"ע פארליידט נישט וואס מען טרעפט נישט קיין נקודות טובות

דוד המלך האט געשריגן 'כי עני ואביון אני'[ל"א], עס שטייט אין זוהר הק'[ל"ב] (שאמר לו הקב"ה) 'דוד דו ביסט דאך א מלך, וואס הייסט עני ואביון אני!?' האט ער געזאגט, 'כי חסיד אני'. אבער לויט דעם רבי'ן קומט אויס אז 'עני ואביון אני' האט ער געשריגן צום אויבערשטן - נישט נאר אויף גשמיות'דיגע עניות; ער האט געשריגן אפילו אויף רוחניות 'כי עני ואביון אני',[ל"ג] (דאס) האט דער אויבערשטער אויך נישט געוואלט ליידן, איך האב אין זיך נקודות טובות אויך, דער אויבערשטער וויל אז מען זאל אויסמישן ביידע צוזאמען, תודה והודאה און בעטן דעם אויבערשטן, שבחו של מקום, ושאלת צרכיו, דאס הייסט תפילה איז בכורה, בכורה איז פי שנים, און תפילה איז אויך פי שנים.

---

[ל"א] תהלים פו, א-ב.

[ל"ב] ח"ג קצ"ה ע"א וז"ל: דוד חמא דכל כוין וכל תרעי שמיא כלהו זמינין לאפתחא למסכנא ולית בכל צלותין דעלמא דקודשא בריך הוא אצית מיד כצלותא דמסכנא, כיון דחמי האי עבד גרמיה עניא ומסכנא פשט לבושא דמלכותא ויתיב בארעא כמסכנא אמר תפלה דכתיב תפלה לדוד הטה יי' אזנך ענני, ואי תימא אמאי, בגין כי עני ואביון אני, א"ל קודשא בריך הוא דוד ולאו מלכא אנת ושליטא על מלכין תקיפין ואת עביד גרמך עני ואביון, מיד אהדר צלותיה בגוונא אחרא ושבק מלה דאביון ועני ואמר שמרה נפשי כי חסיד אני,

[ל"ג] ראה לשון מוהרנ"ת בליקוטי הלכות תפלת המנחה ה' ח: דָּוִד זָכָה לָזֶה שֶׁעָשָׂה עַצְמוֹ עָנִי וְאֶבְיוֹן בֶּאֱמֶת, וְאַף עַל פִּי כֵן הָיָה בִּבְחִינַת מֹחִין דְּגַדְלוּת וְקָרָא לְנַפְשֵׁיהּ חָסִיד... וְעִקַּר הָעֲנִיּוּת וְהַדַּלּוּת הוּא הָעֲנִיּוּת מִדַּעַת הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת שֶׁהוּא רָחוֹק מֵה' יִתְבָּרַךְ חַס וְשָׁלוֹם, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת. וּכְשֶׁזֶּה הֶעָנִי בְּמַעֲשִׂים רוֹאֶה פְּחִיתוּתוֹ וְשִׁפְלוּתוֹ, בִּפְרָט כְּשֶׁמַּרְגִּישׁ חוֹבוֹתָיו שֶׁהוּא חַיָּב לַה' יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי עֲווֹנוֹתָיו וּפְשָׁעָיו הָרַבִּים, כְּשֶׁהוּא מַתְחִיל לְהִתְמַרְמֵר לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ בְּלֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּא וּמְפָרֵשׁ צַעֲרוֹ וְשִׂיחָתוֹ לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ, בְּוַדַּאי תְּפִלָּתוֹ יְקָרָה וַחֲשׁוּבָה מְאֹד מְאֹד לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ וּפוֹתַחַת כָּל הַתַּרְעִין וְכוּ'. כִּי זֶה עִקַּר תְּפִלָּה לֶעָנִי שֶׁחֲשׁוּבָה מְאֹד בְּעֵינֵי ה' יִתְבָּרַךְ. ועיין גם בהלכות תפילין ה' מג. ובהלכות תפלת המנחה ז' מ.

דער שבחו של מקום ברענגט אין א מענטש אריין א שמחה, און דער שבחו של מקום איז אויף יעדע נקודה טובה, נישט נאר אויף גשמיות, ער איז זיך מחיה מיט א נקודה טובה, ער איז זיך מחזק, לויבט ער דאך דעם אויבערשטן אויף דער נקודה.

## זיך פרייען מיט די געוויינטליכע מצוות

ר' אפרים ר' נפתלי'ס איז געקומען אויף ראש השנה קיין אומאן (מארץ ישראל) און ער איז אביסל שלאף געווארן, און האט געמוזט בלייבן א יאר צייט אין אומאן, ער האט נישט געקענט צוריק פארן קיין ארץ ישראל. עס איז געווארן קאלט, איז ער א גאנצן ווינטער געווען אין אומאן. ער איז געווען ביי ר' נחמן טולטשינער. ר' אפרים פלעגט דינען דעם אויבערשטן פון צוועלף ביז צוועלף, ער איז געווען א סוחר, נאך צוועלף איז ער געגאנגען ארבעטן, געוויינטליך (ווען) א מענטש דינט דעם אויבערשטן צוועלף שעה איז דארטן דא גוטע זאכן. ער איז געגאנגען צום רבי'ן אויפ'ן ציון, האט ר' נחמן געווארט אויף אים מיט'ן מיטאג, צו עסן צוזאמען מיט ר' אפרים'ען מיטאג. האט ר' אברהם ר' נחמן'ס דערציילט (אז ווען) ר' אפרים איז געקומען ביים טיש האט ער אנגעהויבן זיך מחיה צו זיין מיט נקודות טובות, און ער האט ארויסגערעדט די זאך! ער האט אויסגערעכנט נעגל וואסער, ער האט זיך אפגעגאסן נעגל וואסער, אזעלכע זאכן. ער האט נישט גערעכנט זיינע עבודות, עבודות האט ער נישט גערעכנט, (ער האט גערעכנט) אזעלכע זאכן וואס יעדער איינער טוט, יעדער פראסטער איד, נעגל וואסער, ציצית, תפילין, די ברכות, מען דאווענט. און ער איז אזוי אריין אין א שמחה, אז ער האט אנגעהויבן צו זאגן (בהתלהבות): מאויבי תחכמני מצותיך כי לעולם היא לי[ל"ד]! לעולם היא לי! (ער איז) אריין אין אזא מין שמחה, האט ער דערציילט אז די גרויסע ערליכע אידן, און (כאטש זיי טוען) אזא גרויסע עבודה, (פונדעסטוועגן) זענען זיי זיך מחיה מיט יעדער זאך, יעדער זאך! דאס גרויסקייט פון תפילין, פון ציצית, פון א ברכה, יעדער זאך, די נקודות טובות. פארוואס האב איך נישט דערפון קיין חיות דערפון? איז עס א פגם פארוואס די זיי מאכן מיך נישט פרייליך.

---

[ל"ד] תהלים קיט, צח.

# מיר האבן די זכיה צו זיין ברסלב'ער חסידים

מען זעהט דאך אז מען מאכט זיך פרייליך מיט 'שלא עשני גוי', מיט דעם 'אשרינו מה טוב חלקנו' וכו' אז מיר זענען אידן, אז מיר האבן די תורה. מען זעהט דאך אז מען איז זיך מחיה מיט די זאכן וואס מיר האבן דאס – און פארוואס האב איך נישט קיין שמחה דערפון?! פארוואס ביסטו זיך נישט מחיה מיט דער תורה וואס דו האסט אין זיך?! פארוואס ביסטו זיך נישט מחיה (מיט דעם) וואס דו ביסט אריינגעפאלן - דו ביסט געבוירן געווארן ביי א אידן, דער אויבערשטער האט דיר געהאלפן (אז) דו ביסט אריינגעפאלן אין דעם חלק פון ברסלב'ער חסידים.[ל"ה]

מען זעהט וואס האט זיך געטוהן. א געוואלד, אזא מין זאך?! וואו הערט מען דאס אין די וועלט? נעמען מענטשן, פאמיליעס מיט קינדער, ווייל מען האט געטראפן לערנען ליקוטי מוהר"ן טרייבט מען אים ארויס פון דארטן, וויפיל דארף מען דאנקען דעם אויבערשטן, 'ברוך השם וואס מען האט נישט אזעלכע געדאנקען אז פאר לערנען לקוטי מוהר"ן דארף מען ארויסטרייבן!' - -

מען האט געטראפן אז זיי לערנען צוזאמען ביי מלוה מלכה, (מען האט) געלערנט דעם רבי'נס ספר, איז געווארן אזא מין רעש - -

איך מיין, ווי דארף מען דאנקען דעם אויבערשטן: ברוך השם אז מיר זענען נישט אריינגעפאלן אין דעם גורל (אין אזא התנגדות).

[ל"ה] כמ"ש מוהרנ"ת הרבה במכתביו, ראה עלים לתרופה מכתב מיום ב' תצא תקצ"ה עַתָּה עַתָּה רָאוּי לָנוּ לוֹמַר אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ אֶלֶף וְרִבְבוֹת פְּעָמִים בְּכָל יוֹם וָיוֹם, וּבְכָל עֵת לֹא יָמִישׁ מִפִּינוּ לוֹמַר אַשְׁרֵינוּ שֶׁאָנוּ יוֹדְעִים מֵהַצַּדִּיק הָאֱמֶת הַזֶּה שֶׁהִכְנִים בָּנוּ לְהַרְגִּישׁ מְעַט מְתִיקוּת הַשֶּׁבַח אַשְׁרֵינוּ שֶׁכָּל יִשְׂרָאֵל וַאֲנַחְנוּ בְּתוֹכָם אוֹמְרִים בְּכָל יוֹם, אֲבָל זְעִירִין אִנּוּן שֶׁיָּשִׂימוּ לֵב לָזֶה וּלְהַרְגִּישׁ מְתִיקוּת נְעִימוּת הַדְּבָרִים שֶׁהֵם אוֹמְרִים בְּפִיהֶם, וְתוֹדָה לָאֵל אֲשֶׁר חָמַל עָלֵינוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּחַסְדּוֹ הַגָּדוֹל וְהַנִּפְלָא לִבְלִי לִהְיוֹת מִתְנַגֵּד וּלְהִתְקָרֵב קְצָת לִנְקֻדּוֹת הָאֱמֶת הַמַּכְנִיס בָּנוּ לְהִתְחַזֵּק וְלִהְיוֹת שָׂמֵחַ בְּהַתַּכְלִית הַנִּצְחִי וְהָעִקָּר בְּהָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְהַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִנָּצֵל מֵהַמִּתְנַגְּדִים עַל הָאֱמֶת כָּזֶה וְכוּ' וְלִהְיוֹת בְּחֶלְקוֹ וּבְגוֹרָלוֹ לָנֶצַח. זֶה חֶלְקֵנוּ זֶה נֶחָמוֹתֵינוּ בְּעֵת צָרָה, זֶה יְשׁוּעָתֵנוּ וְתִקְוָתֵנוּ בָּזֶה וּבַבָּא לָנֶצַח.

ווארפן די מענטשן ארויס? פארטרייבן - א גירוש, וואס איז? ער האט געלערנט דעם רבי'נס ספר! מען האט נישט געמאכט קיין באזונדער שטיבל דארטן, מען האט זיי געטראפן אין א שטוב, געלערנט לקוטי מוהר"ן מוצאי שבת - -

איך מיין צו רעדן דא, וויפיל מיר דארפן דאנקען דעם אויבערשטן דערפאר, אז מיר זענען אריינגעפאלן אין דעם גורל, אז מיר האבן נישט די געדאנקען אז פאר לערנען לקוטי מוהר"ן דארף מען ארויסטרייבן יענעם - -

נו ווי אזוי דארף מען דאנקן דעם אויבערשטן, ברוך השם מען זעהט דאך אז עס קען זיין אזא מציאות אזא מין רבי און אזעלכע הייליגע ספרים, אזעלכע הייליגע עצות, אז מען גייט אריין זעהט מען דאך ממש, ווי קען מען זיך רירן אן דעם רבי'נס זאך?! די דיבורים אליין וואס מיר רעדן דא, א מענטש זאל בעטן דעם אויבערשטן אויף יעדע זאך, בעטן דעם אויבערשטן אויף היטן די אויגן, בעטן דעם אויבערשטן אויף היטן דאס מויל, דאס אליין איז שוין א מתנה פונעם רבי'ן - נאר תפילה, נאר תפילה.

זאגט דער רבי, תפילה איז פיפיות, ב' פיות, צוויי שארפן, פי שנים, וניטל מראובן על ידי שחילל יצועי אביו, כי הוא תלוי בשמירות הברית.

# אז איך האב נישט קיין תפילה האב איך נישט קיין שטוב

את דאס הייסט - דער רבי זאגט אין תורה יו"ד[ל"ו] א תפילה בבחינת בית, יעקב האט מעלה געווען די תפילה פון הר ושדה לבחינת בית. הר, שדה, דאס איז אן ענין (פון) השגות. דער בית איז אויף יעדער זאך פון דער שטוב, יעדער איינער האט א שטוב, אלע צרכי הבית, האט יעקב מעלה געווען די תפילה לבחינת בית, אז מען זאל וויסן אז די תפילה איז אזוי ווי א בית, אז איך האב נישט קיין תפילה - האב איך נישט קיין שטוב בין איך ממש (כמו בהמה) -

(חסר)

---

[ל"ו] וז"ל: "בֵּית יַעֲקֹב לְכוּ וְנֵלְכָה בְּאוֹר ה'", כִּי הוּא גִּלָּה אֱלֹקוּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִשְּׁאָר הָאָבוֹת. כִּי אַבְרָהָם קְרָאוֹ הַר, וְיִצְחָק קְרָאוֹ שָׂדֶה (פְּסָחִים פח.). וְשָׂדֶה הוּא יוֹתֵר מֻשָּׂג וְנִצְרָךְ לְהָעוֹלָם מֵהַר; וְיַעֲקֹב קְרָאוֹ בַּיִת, שֶׁהוּא מְקוֹם יִשּׁוּב לִבְנֵי אָדָם יוֹתֵר מִשָּׂדֶה, הַיְנוּ שֶׁיַּעֲקֹב קָרָא אֶת מְקוֹם הַבֵּית הַמִּקְדָּשׁ, שֶׁהוּא מְקוֹם הַתְּפִלָּה בַּיִת, שֶׁהוּא מְקוֹם יִשּׁוּב לִבְנֵי אָדָם, כִּי הֶעֱלָה אֶת הַתְּפִלָּה מֵהַר וְשָׂדֶה לִבְחִינַת בַּיִת, שֶׁיֵּשׁ בּוֹ תְּפִיסָה לִבְנֵי אָדָם יוֹתֵר מֵהַר וְשָׂדֶה; כִּי בִּבְחִינַת בַּיִת יֵשׁ גַּם לְעַכּוּ"ם הַשָּׂגָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ נ"ו): "כִּי בֵיתִי בֵּית תְּפִלָּה יִקָּרֵא לְכָל הָעַמִּים"; וּכְשֶׁהוּא בִּבְחִינַת בַּיִת, כְּדֵין אִתְיַקַּר שְׁמָא עִלָּאָה כַּנַּ"ל:

# די דריי תפילות א טאג קען שוין דער בעל דבר - דעריבער דארף מען אויך התבודדות

דער רבי האט אזוי געזאגט[ל"ז], אז די תפילה וואס עס איז שוין אויסגעטראטן ווייס ער (הבעל דבר) שוין, דער בעל דבר ווייס עס שוין, דארף מען מאכן נייע זאכן, התבודדות איז שוין א נייע זאך (שהאדם אומרה מלבו מחדש).

שחרית און מנחה און מעריב - ווייס ער שוין, ער איז שוין דא (צו שטערן), ער איז שוין דא, ער לאזט שוין נישט, אבער א נייע וועג - - (עס איז דא) די מעשה, דער רבי איז געפארן חתונה מאכן א קינד, אין א צייט פון רעגן, און מען האט געדארפט פארן א וועג פון רעגן און עס איז געווען זייער בלאטעדיג, איז דער בעל עגלה געפארן ארום און ארום, ער האט אויסגעמיטן די בלאטע און איז ארויף אויפ'ן גוטן וועג, האט דער בעל עגלה זיך בארימט פאר'ן רבי'ן: "זעהט איר רבי - מען האט געדארפט פארן גלייך אין דער בלאטע (און) איך בין געפארן ארום און ארום און ארויף אויפ'ן גלייכן וועג", האט זיך אנגערופן דער רבי: **"תעניתים וסיגופים איז א אלטער טראַק צום אויבערשטן! [טראַק הייסט אן אויסגעטראטענער וועג] התבודדות און תפילה איז א נייער וועג, אבער מען קומט ארויף אויפן אלטן!".**

קומט ארויס פון דאנעט אז עס איז עפעס גאר א נייער וועג! וואס איז דארטן געווען? דער גלייכער איז געווען בלאטעדיג, (אבער אז מען פארט) פון ארום און ארום קען מען דארטן (אויסמיידן די בלאטע) - **'תעניתים וסיגופים איז אן אלטער טראק צום אויבערשטן'.**

---

ל"ז ליקוטי מוהר"ן תניינא תורה צ"ז, וז"ל: עוֹד שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ לְעִנְיַן מַעֲלַת הַשִּׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, שֶׁאָמַר שֶׁעַל תְּפִלּוֹת וּתְחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת הַסְּדוּרוֹת מִכְּבָר, כְּבָר יוֹדְעִין מֵהֶם כָּל הַמְחַבְּלִים וְהַמְקַטְרְגִים, וְהֵם אוֹרְבִים עַל הַדְּרָכִים שֶׁל אֵלּוּ הַתְּפִלּוֹת, מֵחֲמַת שֶׁיּוֹדְעִים מֵהֶם מִכְּבָר. כְּמוֹ, לְמָשָׁל, עַל הַדֶּרֶךְ הַכְּבוּשָׁה, הַיָּדוּעַ וּמְפֻרְסָם לַכֹּל, שָׁם אוֹרְבִים רוֹצְחִים וְגַזְלָנִים תָּמִיד, מֵחֲמַת שֶׁיּוֹדְעִים מִדֶּרֶךְ זֶה כְּבָר. אֲבָל כְּשֶׁהוֹלְכִין בְּנָתִיב וְדֶרֶךְ חָדָשׁ, שֶׁאֵינוֹ נוֹדָע עֲדַיִן, שָׁם אֵינָם יוֹדְעִים לֶאֱרֹב שָׁם כְּלָל. כְּמוֹ כֵן לְעִנְיַן הַנַּ"ל, כִּי הַשִּׂיחָה שֶׁמְּדַבֵּר הָאָדָם עַצְמוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, הוּא דֶּרֶךְ חָדָשׁ וּתְפִלָּה חֲדָשָׁה, שֶׁהָאָדָם אוֹמְרָהּ מִלִּבּוֹ מֵחָדָשׁ, עַל כֵּן אֵין הַמְקַטְרְגִים מְצוּיִים כָּל כָּךְ לֶאֱרֹב. וְאַף עַל פִּי כֵן הִזְהִיר מְאֹד גַּם עַל אֲמִירַת שְׁאָר תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת, כַּמְבֹאָר בִּדְבָרֵינוּ כַּמָּה פְּעָמִים:

דער בעל שם הקדוש (און זיינע תלמידים) האבן אראפגענומען דעם וועג פון תעניתים וסיגופים;[ל"ח] נאר וואס דען? תפילה! דאס איז דער וועג! דאס וואס מען האט געקענט אמאל פועל'ן מיט תעניתים וסיגופים, קען מען היינט פועל'ן מיט תפילה, דאס איז דער נייער וועג, און מען קומט ארויף אויפ'ן אלטן וועג!

אז מען כאפט אריין א ווארט צום אויבערשטן, ער (הבעל דבר) רעכנט זיך נישט מיט דעם ווארט, דו שטעלסט זיך דאוונען שחרית מנחה מעריב – איז ער דא, ער ווייס שוין, דארטן איז ער דא, אבער אז איך רעד א דיבור צום אויבערשטן, ער רעכט זיך נישט (דערויף), כאפ איך דערווייל (אריין) א דיבור, רעד איך נאך א דיבור, איך רעד דערווייל א דיבור.

## התבודדות מיינט אויך זיין שטענדיג צוגעבונדן צום אויבערשטן

דער ענין פון התבודדות - - א צייט אין טאג, אבער אין דער אמת'ן התבודדות איז דער פשט אז עס דארף אין מיר אריינגעבן א ענין פון 'בדד', צו זיין מיט'ן אויבערשטן - כסדר מיט'ן אויבערשטן, התבודדות דארף אריינגעבן אין מיר אז איך זאל זיך כסדר נישט אפרייסן פונעם אויבערשטן! וואס איך טוה (נאר) עפעס א זאך, פאר'ן עסן, אינמיטן עסן, און פאר'ן בענטשן, אינמיטן בענטשן – זאל איך זיך קיינמאל נישט אפרייסן פון אים, דאס איז דער ענין פון התבודדות, (אז) 'איך האב א שייכות מיטן אויבערשטן' - דערצייל איך דאך דעם אויבערשטן אלעס, דארף דאס אריינגעבן, איך זאל כסדר זיין מיט'ן אויבערשטן, כסדר זיך נישט אפרייסן פון אים.

אזוי שטייט (דאך), "בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך"[ל"ט], דו לייגסט זיך, דו שטייסט אויף, דו גייסט אין וועג, (דו) זיצט אין שטוב, רייס דיך נישט אפ פונעם אויבערשטן.

ווען קען דאס דאזיגע זיין? אז מען רעדט צום אויבערשטן דיבורים, ברוב הזמן קען מען זיין אזוי קביעות'דיג, ממש מען זאל זיך קיינמאל נישט אפרייסן!

---

[ל"ח] ראה בעל שם טוב על התורה, פרשת משפטים אות יז, ובמקור מים חיים שם.

[ל"ט] דברים ו, ז.

דער רבי זאגט טאקע אין א תורה (תנינא פ"ד), אז תפילה איז די זאך פון 'התבודדות', תפילה באהעפט! תפילה איז א דביקות, תפילה באהעפט, 'נפתולי... נפתלתי'[מ], די תפילה מאכט א באהעפטונג, א חיבור צום אויבערשטן!

## מאכן פון תורות תפילות - די גרעסטע שעשועים ביי השי"ת

מען לערנט עפעס א זאך, (דארף מען) שוין מאכן פון די תורה תפילות, בעטן דעם אויבערשטן מען זאל זוכה זיין (צו) מקיים זיין וואס איך לערן, האט דער אויבערשטער אזעלכע שעשועים שמימות עולם לא עלו[מא], אזעלכע שעשועים האט דער אויבערשטער אז איך לערן און איך מאך פון דעם א תפילה!

אז די תורה איז נישט ביי מיר קיין חכמה, (אז) די תורה איז ביי מיר א תיקון הנפש, איך לערן תורה (וואס) דאס דארף מיר ברענגען צו יעדער זאך.

רבי נתן האט דאך אזוי געזאגט, "אוואו איך זעה ערגעץ אן עוולה / א חסרון - אדער ווייל ער האט גארנישט געהאט קיין התבודדות, אויב ער האט געהאט האט ער געהאט ווינציג!"

רבי נתן זאל אזא מין לשון זאגן, וואו איך זעה ערגעץ א חסרון - דער חסרון איז נאר אין התבודדות! אדער גארנישט געהאט, אדער געהאט ווינציג, ס'איז א געוואלד א געוואלד!

## א ברסלב'ער חסיד וועט נישט האבן קיין תירוצים אויף יענער וועלט

(ביי) א ברסלב'ער חסיד דער דין וחשבון איז נאר תפילה - האסט דאך געהאט א רבי'ן, פארוואס האסטו נישט געבעטן אויף דער זאך?! ער וועט זאגן: וואס זאל איך טאן - אזא גראבן יצר הרע האט מיר געמוטשעט, (וועט מען אים זאגן) דו האסט דאך געהאט א רבי'ן, דיין רבי האט (דאך) געשריגן תפילה! פארוואס האסטו נישט געבעטן

---

[מ] בראשית ל, ח, וברש"י שם.

[מא] עי' ליקוטי תפילות בהקדמה. ובשיחות הר"ן קמ"ה.

אויף דער זאך?! נאר (מילא) אנדערע ווייסן נישט, אבער דו - פארוואס האסטו נישט געבעטן אויף דער זאך?![מ"ב]

עס איז שוין מורגל ביי א ברסלב'ער חסיד (צו זאגן), 'איי האב אויף מיר רחמנות! רבוש"ע - האב אויף מיר רחמנות!' דער דיבור איז א געוואלדיגער דיבור, האב אויף מיר רחמנות, דאס איז א געוואלדיגע (זאך) וואס די וועלט האט עס נישט.

'האב אויף מיר רחמנות! ראטעווע מיך! ראטעווע מיך! גייענדיג אזוי, דאס איז דאכט זיך שוין ווי א דרך כבושה, אבער דאס איז א געוואלדיגע התקרבות צום אויבערשטן, א געוואלדיגע התקרבות צום אויבערשטן! דאס איז אלץ פון די מתנות וואס מיר האבן דורכ'ן רבי'ן!

נו מיר דארפן זיין פריילך מיט דער התקרבות, (דורך דעם) קען מען שוין מקיים זיין 'מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד'[מ"ג]. היינט רעדט מען אזעלכע זאכן (התנגדות כזה) עס איז א געוואלד, היינט זאלן זיין אזעלכע?! מענטשן וואס וואוינען שוין דארטן, אויף גארנישט קוקן, (און) מיט אזא ליצנות. אז עס קען זיין אזוינס, דארף מען זיך טאקע באנייען אינעם רבי'נס זאך, און פיל מער רעדן פונעם רבי'נס זאך, מער רעדן.

אז א מענטש ווערט מקורב צום רבי'ן, די מקטרגים ווייסן דאך - - - דער מענטש וואס ווערט מקורב, עס זענען דא מקטרגים אויף אים, (קוק) נאר וואס ער איז געווען, און ער איז שוין א מקורב. מען איז מקטרג, קען מען נישט אפשטעלן דעם קיטרוג. נאר אז מען וועט אים געבן בזיונות, אויב ער וועט זיך האלטן - - - אפרייסן קען מען נישט, נאר וואס דען, מען וועט אים געבן פעקלעך, מען וועט אים געבן בזיונות, דער זאגט,

---

[מ"ב] וז"ל הרב מטשעהרין בספרו ירח האיתנים על תורה ט': עיקר דינו של אדם הוא על שלא היה זהיר בענין התפלה כי ע"י תפלה יכולין לבוא לכל טוב לתורה ולמעש"ט ולתשובה ולהנצל מן החטא וכמו שתיקנו רז"ל תפלות הרבה ע"ז, וזה מובן בדברי רז"ל (עירובין ס"ה) שאמר ראב"ע יכול אני לפטור כל העולם מן הדין וכו' ומסקו מאי אני יכול לפטור דקאמר מדין תפלה כי דין תפלה הוא כלל הדין והחשבון של האדם כי אלמלי היה זהיר ורגיל בתפלה כראוי היה זוכה לתקן הכל וכמבואר גם במפרשים כעין זה וכמבואר אצלינו במ"א שזה נלמד מענין נערה המאורסה שעיקר החיוב שלה למיתה ר"ל הוא על דבר אשר לא צעקה וכו,'

[מ"ג] ליקוטי מוהר"ן תורה כ"ד.

ער איז משוגע, דער זאגט אזוי, מען וועט אים געבן בזיונות. אויב ער וועט זיך האלטן - אז ער וועט זיך האלטן וועט ער זיך דערהאלטן.

דארטן איז געווארן א קביעות אין ליקוטי מוהר"ן און אזוי ווייט אז מען האט שוין געמאכט א מלוה מלכה ביי אים, מען איז געזעצן צוזאמען מען האט שוין גערעדט, אה, דאס איז דאך אים (להבע"ד) א ביין אין האלז, 'בצוארו ילין עוז'[מ"ד], א ביין אין האלז!

ברוך השם איך הער אז אלע זענען שטארק, זיי זענען ארוים מאפילה לאורה, מען קען גיין קיין מאנסי, לערנען און דאווענען און שוין, דער אויבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זיך האלטן, (עס איז) א געוואלדיגע זאך, א געוואלדיגער קידוש השם - אז זיי וועלן זיך אלע האלטן - - -

## דער עיקר איז התחזקות

מיר שטייען ביי דעם צדיק, וואס סוף כל סוף זיין תיקון הנפש, זיין תיקון הנצחי וועט נאר זיין דורך אים, און ער האלט זיך דא, אז ער האלט זיך מיט אן אמת, הויבט אן אויף אים איבערגיין, אזוי ווי יעדער איינער האט אנדערע סארטן איבערגייעכטסער[מ"ה].

רבי נתן האט דאך אויסגערעכנט צדיקים – פארוואס דער איז געווען דער? ווייל ער האט אזוי פיל געהאט די מידה פון התחזקות; דער – אזוי פיל די מידה פון התחזקות, און אויף זיך – ווייל איך האב אזוי פיל די מידה פון התחזקות![מ"ו]

דער עיקר איז נאר די התחזקות! דערהאלטן זיך!

---

[מ"ד] עיין ליקטי מוהר"ן תניינא תורה ח' אות ג'.

[מ"ה] בליקוטי הלכות ברכת הפירות ה' יא: צְרִיכִין לִסְבֹּל בִּזְיוֹנוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים הַרְבֵּה קֹדֶם שֶׁמִּתְקָרְבִין לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת. וַאֲפִלּוּ אַחַר שֶׁמִּתְקָרְבִין צְרִיכִין בְּכָל פַּעַם לִסְבֹּל שְׁפִיכוּת דָּמִים הַרְבֵּה מְאֹד וְהַכֹּל הוּא לְטוֹבָה גְּדוֹלָה, כִּי זֶה עִקַּר תְּשׁוּבָתוֹ. וְעַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא הוּא זוֹכֶה לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ לְבִלִּי לְהִתְרַחֵק מֵה' יִתְבָּרַךְ וּמֵהַצַּדִּיק עַל יְדֵי כָּל מַה שֶּׁעוֹבֵר עָלָיו.

[מ"ו] שיח שרפי קודש - חלק ב תקכ"ו: פַּעַם אָמַר מוֹהַרְנַ"תְ, "לָמָּה הָיָה צַדִּיק זֶה וְזֶה גָּדוֹל בְּמַעֲלָה כָּל כָּךְ? מִשּׁוּם שֶׁהָיָה לוֹ כָּל כָּךְ הַרְבֵּה הִתְחַזְּקוּת". וְכָךְ מָנָה כַּמָּה וְכַמָּה צַדִּיקִים שֶׁכֻּלָּם לֹא הִגִּיעוּ לְמַדְרֵגָתָם כִּי אִם עַל יְדֵי הַהִתְחַזְּקוּת, וְסִיֵּם: "וּמַדּוּעַ הִנְנִי כְּמוֹ שֶׁאֲנִי, מִשּׁוּם שֶׁיֵּשׁ לִי כָּךְ הַרְבֵּה הִתְחַזְּקוּת".

אז מען וויל טאקע זיין ערליכע אידן, מען וויל טאקע אפהיטן די אברים, ס'איז נישט אזוי גרינג. (אסאך) תפילה, און גוטע חברים, רעדן איינער מיטן אנדערן, אז מען זאל זיך האלטן, און מען זאל זיך מחזק זיין, דער בעל דבר שווייגט נישט, עפעס אזוי גיך קומט עס אן?! אז מען בעט דעם אויבערשטן ווערט מען שוין א איש כשר?! רבי נתן האט געזאגט[מ"ז] ביז מען ווערט אן איש כשר צריך להתמהמה הרבה! עס דארף געדויערן לאנג ביז מען ווערט אן איש כשר, און דערווייל דארף מען האבן התחזקות.

## ווען מען ווערט מקורב צום רבי'ן הויבט אן ארויפצוקומען די פסולת

אין דעם רבי'נס זאך איז נאך מער אין דער זאך (בענין שצריכין להמתין), ביי דעם רבי'נס זאך אז מען הייבט אן ווערן מקורב הויבט זיך אן צו קאכן. דער רבי ברענגט דארטן[מ"ח] (א משל) אז מען שטעלט צו וואסער, דאכט זיך אז עס איז ריין, אבער דורך דעם פייער גייט ארויף א שוים, קומט דאך אויס אז אין אמת'ן איז עס נישט געווען ריין, א סימן (דערצו) אז עס איז דא א שוים, דער שוים איז דאך פון נישט ריינקייט, איי וואס איז געווען פריער? איידער מען האט געשטעלט אויפן פייער, האט מען געמיינט אז עס איז ריין.

דער רבי האט געזאגט 'איך האב ליב א געפרעגלטן איד', אז מען שטעלט אים ארויף אויפן פייער, גייט ארויף די שוים, און נאך דעם אז מען נעמט אראפ די שוים נאך דעם ווערט מען (ריין) - אבער דאס איז שייך צו זאגן ביי א גלאז וואסער, אז מען

---

[מ"ז] כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות י"ד.

[מ"ח] שיחות הר"ן אות ע"ט וז"ל: מַה שֶּׁכְּשֶׁאָדָם מַתְחִיל לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם וּלְהִתְקָרֵב לְצַדִּיק הָאֱמֶת בָּאִים עָלָיו הִרְהוּרִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים. זֶה כְּמוֹ לְמָשָׁל, כְּלִי מַיִם, שֶׁמִּתְּחִלָּה נִרְאֶה כְּאִלּוּ הַמַּיִם צְלוּלִים, וְאַחַר־כָּךְ כְּשֶׁשּׁוֹפְתִין וּמַעֲמִידִין הַמַּיִם אֵצֶל הָאֵשׁ וּמַתְחִיל לְהִתְבַּשֵּׁל, אֲזַי מִתְבַּלְבֵּל הַמַּיִם וּמַעֲלֶה הָרְתִיחָה כָּל הַפְּסֹלֶת שֶׁהָיָה בַּמַּיִם וְעוֹלֶה כָּל הַפְּסֹלֶת לְמַעְלָה. וְצָרִיךְ שֶׁיַּעֲמֹד אֶחָד לְהָסִיר חֶלְאַת וּפְסֹלֶת הַמַּיִם בְּכָל פַּעַם. וּמִתְּחִלָּה נִדְמֶה כְּאִלּוּ הַמַּיִם צְלוּלִים לְגַמְרֵי וְאַחַר־כָּךְ נִרְאֶה הַפְּסֹלֶת שֶׁבַּמַּיִם הָעוֹלֶה בְּכָל פַּעַם לְמַעְלָה וַאֲזַי כְּשֶׁמְּסִירִין בְּכָל פַּעַם חֶלְאַת וּפְסֹלֶת הַמַּיִם אֲזַי אַחַר־כָּךְ נִשְׁאָרִין הַמַּיִם צְלוּלִים וְזַכִּים בֶּאֱמֶת כָּרָאוּי.

כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ קֹדֶם שֶׁמַּתְחִיל הָאָדָם לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת ה', אֲזַי הַטּוֹב וְהָרָע מְעֹרָבִין בּוֹ וּמֵחֲמַת שֶׁהֵם מְעֹרָבִים מְאֹד, אֵין נִרְאֶה הַפְּסֹלֶת וְהָרָע שֶׁבּוֹ כְּלָל, כִּי הֵם מְעֹרָבִים יַחַד לְגַמְרֵי הָרָע עִם הַטּוֹב. אַךְ אַחַר־כָּךְ כְּשֶׁמַּתְחִיל לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם וּמִתְקָרֵב לְצַדִּיק הָאֱמֶת אֲזַי מַתְחִיל לְהִזְדַּכֵּךְ וּלְהִתְבָּרֵר, וַאֲזַי עוֹלֶה הַפְּסֹלֶת וְהָרָע בְּכָל פַּעַם לְמַעְלָה כַּמָּשָׁל הנ"ל. וְצָרִיךְ שֶׁיַּעֲמֹד אֶחָד שֶׁיָּסִיר מִמֶּנּוּ חֶלְאָתוֹ וּפְסָלְתּוֹ בְּכָל פַּעַם וַאֲזַי יִשָּׁאֵר אַחַר־כָּךְ זַךְ וְצָלוּל לְגַמְרֵי בֶּאֱמֶת כָּרָאוּי:

נעמט אראפ די שוים איז שוין די שוים נישטא מער, אבער ביי א מענטשן איז אלעמאל דא א שוים, ער איז דאך אין דעם עולם, ער איז דאך אין דעם עולם דשיקרא, דארף מען אלע יארן אראפנעמען די שוים.

יעדן טאג הויבט זיך אן קאכן, יעדן טאג איז דא אן אינדרויסן, עס איז דא, מען איז דאך אין דעם עולם, וואו מען גייט איז דאך אלץ נסיונות, וואו מען גייט איז אלץ נסיונות, אכילה שתיה שינה - - -

## דער רבי האט אונז געגעבן די געצייג צו עבודת השי"ת

א בעל מלאכה, א סטאלער, יעדער סארט בעל מלאכה, דארף ער האבן די כלים, ער דארף האבן די כלים (מיט) וואס ער זאל טאן זיין מלאכה, א סטאלער דארף האבן א האמער, ער דארף האבן א צווענגל, ער דארף האבן א זעג, ער מוז האבן אלע כלים, און דעמאלט קען ער טאן.

ברוך השם ביים רבי'ן האבן מיר אלע כלים, די אלע געצייג וואס מען דארף האבן - האבן מיר, מיר האבן ברוך השם, עס איז דא, לקוטי מוהר"ן, לקוטי הלכות, לקוטי תפילות, די מכתבים, א מויל! אן אייגן מויל! עס איז דא, מיר האבן די געצייג וואס מען דארף האבן דערצו, נאר וואס דען? האלט נישט די געצייג ליגן פארשלאסן, נעם ארויס דאס געצייג און נוץ (עס), ארבעט!

## דער לימוד פון פסח שני - אין שום יאוש בעולם כלל

מען האט געלערנט דא, ר' נתן זאגט[מ"ט], על פי דער תורה איז די מצוה פון פסח נאר י"ד ניסן, טאמער איז געווען א טמא ודרך רחוקה איז ער פטור, זענען געקומען צו גיין די טמאים, (זיי זענען) געקומען צו משה רבינו (און געזאגט:) "למה נגרע"[נ']? פארוואס זאלן מיר נישט האבן - מיר זענען געווען טמאים - פארוואס זאלן מיר נישט האבן דעם פסח?!

---

[מ"ט] ליקוטי הלכות ברכות הפירות הלכה ה'.

[נ'] במדבר ט, ז.

(האט משה רבינו געזאגט) מיט וואס קען איך אייך העלפן? "עמדו ואשמעה מה יצוה ה' לכם"[נ"א], ער איז געווען זיכער משה רבינו אז דער אויבערשטער וועט אים עפעס זאגן, אשרי ילוד אשה וואס איז מובטח[נ"ב] אז דער אויבערשטער וועט אים ענטפערן.

אידן קומען צו גיין מיט א טענה, למה נגרע? (אמר משה להם) עמדו ואשמעה, מה יצוה ה' - איז דער פשט, ס'איז א נייער תיקון - האט דער אויבערשטער ארויסגעגעבן דעמאלט, מה 'יצוה' ה', (לכאורה קשה:) מען האט אייך געגעבן א תורה?!

וואס איז דער געשריי למה נגרע – עס איז דאך שוין עבר זמנו?! עבר זמנו - דער זמן איז דאך אלסדינג!? דער אויבערשטער האט ארויסגעגעבן א נייעם תיקון נאך א חודש, י"ד אייר, פארוואס איז דאס? עס איז אלץ דא מרומז שאין שום יאוש בעולם כלל, 'וואס קענען מיר טוהן? ווען דער זמן איז געווען האבן מיר נישט געקענט, זיי האבן (עס) געמיינט מיט אן אמת, אז עס איז א פרשה אין דער תורה, (מוז זיין אז עס איז געווען) מיט אן אמת, (פון דעם) איז געווארן א תיקון פון פסח שני, און אז מען מיינט מיט אן אמת איז אפילו טאמער מצד הדין איז דא אויף אים א קטרוג. אזוי ווערט א נייער תיקון, עמדו ואשמעה מה יצוה ה' לכם!

זאגט רבי נתן, עס איז (באמת) 'עבר זמנו', און עס איז געווארן א תיקון, היינט איז אויך א פסח שני, היינט ביינאכט איז פסח שני, זעהט מען אז מען קען שרייען צום אויבערשטן, 'למה נגרע?!' אזוי פיל ערליכע אידן זענען דא, פארוואס זאל איך נישט זיין?! למה נגרע להקריב את קרבן ה'?! (מען באקומט) 'התחדשות', מען איז זיך מחזק, מען האט א זמן, עס איז נישטא קיין 'עבר זמנו'! ס'איז נישטא קיין עבר זמן.

די הלכה איז אין (ליקוטי הלכות) אורח חיים חלק שני, הלכות ברכת הפירות הלכה ה' (אות ט"ז[נ"ג]) א קליין שטיקעלע, עס איז א געשמאק שטיקעלע.

---

[נ"א] שם, ח.

[נ"ב] ספרי פרשת בהעלותך פיס' ס"ח. הובא ברש"י על הפסוק למה נגרע.

[נ"ג] וז"ל: וְדִין פֶּסַח שֵׁנִי זֶה בְּחִינַת הַבּוּשָׁה וּשְׁפִיכוּת דָּמִים שֶׁצְּרִיכִין לִסְבֹּל כְּדֵי לְקַשֵּׁר נְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה בִּנְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת הַוָּא"ו שֶׁבְּתוֹךְ הָאָלֶף שֶׁהוּא בְּחִינַת שָׁמַיִם וְכוּ' כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר שָׁם. כִּי אֵלּוּ הָאֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם וְלֹא יָכְלוּ לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח שֶׁבָּאוּ לִשְׁאֹל לָמָּה נִגָּרַע. אֵלּוּ שֶׁאָלוּ כַּהֹגֶן. וְתִקְּנוּ בָּזֶה הַרְבֵּה מְאֹד, כִּי נִתְגַּלְגֵּל זְכוּת עַל יָדָם שֶׁנִּתְגַּלָּה עַל יְדֵי זֶה לְמֹשֶׁה דִּין פֶּסַח שֵׁנִי שֶׁהוּא תִּקּוּן גָּדוֹל שֶׁהוּא בְּחִינַת הַמְשָׁכַת דֶּרֶךְ הַתְּשׁוּבָה הַנַּ"ל, כִּי זֶה עִקַּר שְׁלֵמוּת הַתְּשׁוּבָה שֶׁאֲפִלּוּ כְּשֶׁרוֹאֶה הָאָדָם אֶת עַצְמוֹ שֶׁהוּא רָחוֹק מְאֹד מֵה' יִתְבָּרַךְ וְטֻמְאָתוֹ עָלָיו מִמַּעֲשָׂיו הָרָעִים, אַף עַל פִּי כֵן

צוריק מיט זעקס און צוואנציג יאר (שנת תש"ט) דער ערשטער יאר וואס איך בין דא געוועז (אין א"י), (דאן) איז אויסגעפאלן ל"ג בעומר אזוי ווי היינט, דינסטאג, און איך בין געוועז דעם שבת פריער (פאר) ל"ג בעומר (במירון), און פסח שני האבן מיר געלערנט ביים ציון - די שטיקל לקוטי הלכות.

## געלערנט פסח שני ליקוטי הלכות אין מירון

ווען איך בין געקומען דאס ערשטע מאל אויפ'ן ציון (הרשב"י) בין איך געקומען ערב ר"ח כסלו, איך בין אנגעקומען ט' חשון קיין ארץ ישראל, און ערב ר"ח כסלו בין איך געפארן (קיין מירון). ר' אברהם שטערנהארץ איז אויך (דעמאלט) געפארן, ערב ר"ח כסלו. (ווען) איך בין געקומען קיין צפת איז שוין געווען טונקל, האבן אלע צפת'ער געזאגט, פארט נישט ביינאכט, דעמאלט איז נאך געווען די מלחמה, פארט נישט, אינדערפרי וועט איר פארן. ר' אברהם האט טאקע גענעכטיגט אין צפת, אבער מיר זענען געווען חברה, יונגע חברה, (און) מיר זענען געפארן. ביים אנקומען איז געווען א גע'הרג'עטער אראבער נעבן דעם ציון, אינדרויסן וואו מען גייט אראפ צו (די קברים פון) בית הלל. באלד אזוי, ביי דער וואנט, איז געלעגן א גע'הרג'עטער אראבער, און די אלע פענסטער זענען געווען אפן, זיי האבן געהאלטן דארטן די פערד - די אראבער.

---

יְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ וְיָבוֹא בִּקְּידָה וְהַכְנָעָה לִפְנֵי הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְלִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ וְיִשְׁאַל עַל נַפְשׁוֹ כְּמוֹ שֶׁשָּׁאֲלוּ אֵלּוּ הָאֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ טְמֵאִים שֶׁשָּׁאֲלוּ לָמָּה נִגָּרַע לְהַקְרִיב אֶת קָרְבַּן ה' וְכוּ'. כְּמוֹ כֵן יִשְׁאַל כָּל אֶחָד עַל נַפְשׁוֹ אִם יוֹדֵעַ בְּעַצְמוֹ טֻמְאָתוֹ מִמַּעֲשָׂיו שֶׁיָּבוֹא וְיִשְׁאַל וְאִם נַפְשִׁי מְטֻמָּאָה בְּמַעֲשֵׂי הָרָעִים אַף עַל פִּי כֵן לָמָּה אֶגָּרַע לְהַקְרִיב קָרְבַּן ה' דְּהַיְנוּ לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ לַעֲסֹק בַּתּוֹרָה וּלְהִתְפַּלֵּל וְכוּ' שֶׁהוּא בְּחִינַת קָרְבָּנוֹת? כִּי בְּוַדַּאי יֵשׁ לוֹ תִּקְוָה גַּם כֵּן לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ. וְאָז בְּוַדַּאי יִמְצָא לוֹ ה' יִתְבָּרַךְ תִּקּוּן וְיוֹדִיעַ לְהַצַּדִּיק כְּמוֹ שֶׁהוֹדִיעַ לְמֹשֶׁה תִּקּוּן הַפֶּסַח שֵׁנִי שֶׁהוּא פְּלִיאָה נִשְׂגָּבָה, כִּי עִקַּר זְמַן הַפֶּסַח הוּא רַק בִּשְׁעַת יְצִיאַת מִצְרַיִם שֶׁאָז דִּלֵּג ה' יִתְבָּרַךְ עַל הַקֵּץ וּגְאָלָם. וְאָז עִקַּר זְמַן הַקְרָבַת הַפֶּסַח. וְעַל שֵׁם זֶה נִקְרָא פֶּסַח לְשׁוֹן פְּסִיחָה וְדִלּוּג שֶׁדִּלֵּג עַל הַקֵּץ, כִּי הֵאִיר עֲלֵיהֶם אָז הֶאָרָה נִפְלָאָה וְכַנַּ"ל, אֲבָל מִי שֶׁהָיָה טָמֵא וְלֹא קֵרֵב אֶת הַפֶּסַח בְּמוֹעֲדוֹ אֵיךְ יִזְכֶּה לְהַקְרִיב פֶּסַח עוֹד, אֲבָל ה' יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמָיו גִּלָּה הַסּוֹד לְמֹשֶׁה עַל יְדֵי שְׁאֵלַת הַטְּמֵאִים דַּיְקָא, וְהוֹדִיעַ לוֹ שֶׁהַטְּמֵאִים יַקְרִיבוּ פֶּסַח שֵׁנִי בְּאִיָּר בִּימֵי הַסְּפִירָה. וּבָזֶה הוֹרָה לָנוּ דֶּרֶךְ הַתְּשׁוּבָה שֶׁאֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל, כִּי אַף עַל פִּי שֶׁעָבַר זְמַן שֶׁל עִקַּר הַתִּקּוּן וַאֲנַחְנוּ טְמֵאִים בְּמַעֲשֵׂינוּ עֲדַיִן יֵשׁ תִּקְוָה אֲפִלּוּ שֶׁלֹּא בִּזְמַנּוֹ, כִּי יֵשׁ תִּקּוּנִים נִפְלָאִים וְנֶעְלָמִים מְאֹד שֶׁיְּכוֹלִים לְתַקֵּן אוֹתָנוּ גַּם עַתָּה וּבְכָל יוֹם וָיוֹם. וּבִלְבַד שֶׁלֹּא נִיָאֵשׁ עַצְמֵנוּ מִצְּעָקָה וּתְפִלָּה לִשְׁאֹל בְּכָל פַּעַם לָמָּה נִגָּרַע לְהַקְרִיב אֶת קָרְבַּן ה' וְכַנַּ"ל:

און יונה ע"ה (לעבל) איז געלאפן באלד אויפ'ן דארף, און געכאפט דארטן (און) - - - ארומגעהאנגען די פענסטער, און מען האט גענומען עפעס אויף דער ערד (און) אויסגעשפרייט מען זאל זיך קענען אוועקלייגן אויף דער ערד, און מען איז אויפגעשטאנען חצות, אה. און אויף אינדערפרי איז געקומען ר' אברהם, עס איז גארנישט געווען (ר' נחמן בורשטיין: אויבן איבער'ן ציון, ביי ר' אלעזר'ס זייט?) איך ווייס נישט.

דעמאלט איז נאך געווען אינעווייניג די שטיבעלע, עס איז געווען צעבראכן, אלע פענסטער אויסגעהאקט, און עס האט געבלאזן אלע זייטן, עס איז שוין (דאן געווען) ווינטער.

און יענעם יאר ל"ג בעומר איז אויסגעפאלן דעמאלט דינסטאג אזוי ווי היינט, איך בין (שוין) געקומען אויף שבת (און), איך בין געווען שבת אין מירון, און אויף פרייטאג, פסח שני, האט מען געלערנט דעם לקוטי הלכות.

(רנ"ב: ר' שמואל איז געווען דעמאלט אין דער שבי?) ניין, ל"ג בעומר דאכט זיך מיר איז ער שוין געווען דארט (אין מירון), תש"ט איז ער שוין געווען, ווינטער נאך נישט, אינמיטן ווינטער איז ער אנגעקומען.

## ראש השנה אין געפענגעניש ביי די ירדן'ער

(רנ"ב: אזוי ווי ער איז ארויס פון שבי איז ער אוועקגעפארן אויף א חודש צייט קיין מירון!) איך בין געקומען אין שטוב אריין, ווען ער איז ארויס פון דער תפיסה (און) ער איז (נאך) געגאנגען אנגעטאן נאך דער הלבשה פון דארטן, איידער ער האט זיך איבערגעטאן.

טאקע דיין טאטע אויך, איז אויך געקומען פון שבי (רנ"ב: ר' אברהם יעקב) אברהם יעקב (גאלדרייך), יא.

(רמשה בינשטאק: איר האט זיי נישט געקענט פריער?) איך האב קיינעם נישט געקענט.

---זיי זענען געליגן אין בעט, מען האט אלע מבקר געווען,

(חסר)

(אחד הנוכחים: א מקוה האבן זיי נישט געהאט? רנ"ב: א מקוה?! זיי האבן געהאט א מקוה פון זאמד.. אלע שטיק צייט איז געווען דארטן א זאמד אין ס'האט זיי פארדעקט האלב).

(אחד הנוכחים: ראש השנה זענען זיי אויך געווען דארטן [אין שבי]?) **זיי זענען געווען דארטן ראש השנה? זיי האבן געהאט דארטן א שופר?** (רנ"ב: זיי האבן געהאט תשעה קבין. מיין טאטע, ר' שמואל שפירא, ר' אברהם יעקב, ער האט געזאגט, 'וואס הייסט עס זאל נישט זיין קיין תשעה קבין?! מען האט עס אויסגעשטעלט) **און פון וואו האבן זיי געהאט א שופר?** (רנ"ב: ר' אברהם יעקב דאכט זיך מיר, אז ער פלעגט אלע מאל האבן אין טלית זעקל א שופר, ער פלעגט אלץ האלטן אין טלית זעקל א שופר א גאנץ יאר) **הע, הע.**

(רנ"ב: די בעלי תפילות זענען געווען אלע פון אונזערע לייט כמעט, נאר נאך איינער איז געווען דארטן א זקן, ער האט אויך געדאוונט, אבער אזוי איז אלץ געווען אונזערע בעלי תפילות, און אלע בעלי תפילות האבו באקומען תשעה קבין)

**פון וואו האט מען געהאט תשעה קבין? עס איז געווען וואסער?**

(רנ"ב: עס איז נישט געווען מען האט געמאכט דארטן א 'מגבית', יעדער איינער האט אראפגעגעבן פון זיין האלבן קווערטל וואסער, מען האט זיי געגעבן א האלבן קווערטל וואסער א טאג, פון דעם האלבן קווערטל האט יעדער איינער אראפגעגעבן א פערטל רביעית דארטן, און עס האט זיך אנגעקליבן, זיבן הונדערט מענטשן זענען געווען, א דריי הונדערט פופציג האבן געהאלטן כשרות).

(אחד הנוכחים: זיי האבן געמאכט א ריקוד אלע טאג) (רנ"ב: ביים סוף אפשר, אין די ערשטע צייט האבן זיי געשלאגן אלץ, טאמער האט איינער נישט [זיך אויפגעפירט] ווי עס דארף צו זיין האט מען אים געגעבן א בריק, עס איז געווען דארטן אן אראבער א גוי ער פלעגט אלעמאל א טעות האבן אינמיטן ציילן, און ביי וועמען ער האט א טעות געהאט, דער האט געכאפט קלעפ. זיי האבן זיך געדארפט שטעלן צום ציילן, צוויי מאל א טאג, [צו פארזיכערן] אז זיי זענען נישט אנטלאפן. איז אינמיטן מוסף ראש השנה האבן זיי געדארפט ארויסלויפן צום ציילן).

# השי"ת הערט יעדעסווארט - און עס איז קיינמאל נישט גענוג וויפיל מען איז מתפלל

זאגט דער רבי, ומי שזכה לחרב הזה - דער וואס ס'איז שוין זוכה צו דעם חרב, צו דעם חרב פון תפילה, צריך לידע איך ללחום עם החרב שלא יטה אותה לימין או לשמאל, ושיהא קולע אל השערה ולא יחטא.

אזוי ווי מען שיסט דארטן, דארף מען גיין פונקט, נישט לימין (און) נישט לשמאל.

דארטן אין א הלכה[נ"ד] פארטייטשט רבי נתן, וואס הייסט לימין, (און) וואס הייסט לשמאל? עס איז פארהאן קליפת עשיו און קליפת ישמעאל, קליפת ישמעאל איז גאר אויף ימין, כי שמע ה' אל עניך[נ"ה], דער אויבערשטער האט שוין צוגעהערט, אייןווארט איז אויך גוט, דער אויבערשטער האט דיך שוין צוגעהערט, דאס איז א קליפה אויף ימין. קליפת עשיו איז אז דער אויבערשטער הערט נישט דיינע תפילות.

דער רבי רעדט טאקע ווייטער פון די ביידע, וסברינן - מיר האבן געמיינט אז עס איז - יבשתא הוא, אז די תפילות ווערן נישט נתקבל (דאס איז קליפת עשו לשמאל).

ווייטער זאגט דער רבי, "אי לאו דהוה מקרבא לספינתא, ווען נישט חסדו וואלט מען דערטרונקען געווארן, וויפיל מען בעט דעם אויבערשטן דארף מען וויסן -ס'איז נאר חסדו, דאס איז דער עיקר חרב, אז מען זאל וויסן אז יעדער ווארט הערט דער אויבערשטער, און יעדער ווארט ווערט נתקבל; נאר וואס דען? אז עס וועט ווערן דער 'חם', עס וועט ווערן נכמרו רחמיו, וועט ווערן 'גביה אתהפיך' (זיך) אויסדרייען מיט פנים עליונים. יעדער דיבור ווערט נתקבל, כאטש מען ווערט נאכנישט געהאלפן.

דער עיקר אריכות אפים דארף מען האבן ביי תפילה,[נ"ו] מען דארף האבן א געוואלדיגע בקיאות, יעדער דיבור ווערט נתקבל און מען איז נאך נישט געהאלפן. נישט בויגן, נישט לימין, נישט לשמאל; אויב לימין וועט ער מיינען אז עס איז שוין גענוג - איין דיבור איז אויך גוט – שמאל ווייטער, אז עס ווערט נישט נתקבל, זאל ער האבן די עקשנות האלטן אין איין בעטן, איי איך האלט אין איין בעטן, פארוואס ווערט עס נישט נתקבל? זאל ער וויסן ער זאל נישט האבן דעם געדאנק פון קליפת ישמעאל, אז דער אויבערשטער הערט צו איין ווארט און עס איז שוין גענוג. וואס איז ישמעאל? גענוג! כי שמע ה' אל עניך - דער אויבערשטער האט שוין צוגעהערט טאקע, ער האט שוין מקבל געווען צלותיך, גענוג, דאס איז א קליפה אויף ימין.

עס איז ביידע איין כוונה, וואס איז די כוונה פון ישמעאל און פון עשו'ן? הער אויף צו בעטן! ישמעאל הויבט אן אז עס איז שוין גענוג, דער אויבערשטער האט דיך (שוין)

---

[נ"ד] ליקוטי הלכות נחלות הלכה ד'.

[נ"ה] בראשית טז, יא.

[נ"ו] ראה ענין זה באריכות נפלאה בליקוטי הלכות תפילין ה' אות ו'

צוגעהערט, און עשו זאגט, דער אויבערשטער הערט גארנישט צו. אבער די בײדע איז דאך איין כוונה, ישמעאל מיינט אויך מען זאל אויפהערן צו בעטן, נאר ער זאגט (עס) מיט דעם אופן! געזנוג, אזוי פיל דארפסטו? איין ווארט איז אויך גענוג. דארף מען זעהן האבן עקשנות אז יעדער דיבור ווערט נתקבל, און וויפיל מען בעט איז ווינציג, מיר זאלן גיין מיט דעם חרב גלייך, נישט בויגן לימין, (און) נישט בייגן לשמאל.

א מענטש אז ער בעט דעם אויבערשטן א זאך און ער ווערט נאך נישט געהאלפן, און (פונדעסטוועגן טוט ער) גלויבן אז יעדער דיבור איז נישט פארפאלן, איז דאס אויך א געוואלדיגע בקיאות. איי פארוואס ווער איך נישט געהאלפן? ווייס איך נישט פארוואס! איך ווייס נישט!

זענען דא די בײדע זאכן, די קליפה פון ישמעאל, (וואס) ער זאגט, גענוג, דעם אויבערשטן דארף מען נישט אזוי פיל בעטן, איין מאל איז אויך גענוג. מאכט ער צופיל ימין. אז איין מאל איז אויך גענוג. שמאל איז ווייטער עשו, אז דער אויבערשטער הערט גארנישט צו צו די תפילה. און ביים אויסטייטשט טייטשט דער רבי די בײדע זאכן, ביים אויסטייטש פון דער (אגדתא פון) רבה בר בר חנה, וואס ער רעדט אין דער תורה, דאס טייטשט דער רבי אויס אין דעם מאמר (שזה הכלל).

וואו שטייט אין די תורה (הנ"ל), 'יבשתא הוא?' שלא יטה אותה לימין או לשמאל, דאס איז די בײדע, 'יבשתא הוא' דאס איז די קליפה פון שמאל (עשו), אז דער אויבערשטער הערט נישט צו די תפילות, און ימין איז ספינתא - עס איז נאר חסדו, (רנ"ב: עס דאכט זיך מיר אז ר' נתן רעדט[נ"ז], אז ימין הייסט וויבאלד עס איז תלוי אלץ אין דער רבוש"ע, איז פארוואס דארף איך מתפלל זיין?!) יא, קליפת ישמעאל, כבר שמע ה' אל ענוך, קבל ה' ית

---

[נ"ז] ליקוטי הלכות הל' נחלות ד (הנ"ל). אות כ': וְכֵן אַל יִטְעֶה לוֹמַר מֵאַחַר שֶׁאִי אֶפְשָׁר לִפְעֹל בִּתְפִלּוֹתֵינוּ כִּי אִם בְּחַסְדּוֹ אִם כֵּן לָמָּה לָנוּ לְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה כְּלָל נִסְמֹךְ עַל חַסְדּוֹ לְבַד, כִּי גַּם זֶה טָעוּת גָּדוֹל, כִּי זֶה בְּחִינַת נוֹטֶה מִן הַצַּד לְיָמִין שֶׁלֹּא כָּרָאוּי שֶׁסּוֹמֵךְ רַק עַל חַסְדּוֹ לְבַד. כִּי בֶּאֱמֶת שְׁנֵיהֶם כְּאֶחָד טוֹבִים שֶׁצְּרִיכִין לְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה מְאֹד תָּמִיד וְלֵידַע הָאֱמֶת שֶׁאֵין אָנוּ כְּדַאי לִפְעֹל בִּתְפִלּוֹתֵינוּ כִּי אִם בְּחַסְדּוֹ וְאַף־עַל־פִּי־כֵן אָנוּ צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת אֶת שֶׁלָּנוּ לְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה תָּמִיד וְה' יִתְבָּרַךְ יַעֲשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ וְיַמְשִׁיךְ עָלֵינוּ חַסְדּוֹ לְמַעֲנוֹ וְיוֹשִׁיעֵנוּ מְהֵרָה.

צלותיך, עס איז שוין געװנג. דארף מען האבן אריכות אפים, תפילה איז אריכות אפים.[נ"ח]

## מען דארף האבן עקשנות אין תפילה

- א מענטש זאל מרבה זיין בתפילה און גלויבן אז יעדע תפילה ווערט נישט פארפאלן, כאטש ער ווערט נאך נישט געהאלפן. האבן אריכות אפים, זיין אן עקשן גדול אין תפילה[נ"ט], אין אנדערע זאכן קען מען נישט זיין קיין עקשן, אין אנדערע זאכן טאר מען נישט זיין קיין עקשן, (מען טאר) נישט זיין קיין דוחק את השעה, אפילו (ווען) ער וויל זיין אן ערליכער איד, קען ער אויך נישט זיין קיין עקשן, אז מען הייסט אים פון אויבן ווארט - אז מען זאגט אים אויבן 'המתן', קען ער נישט זיין קיין עקשן אין דער צייט (שהוא רוצה דווקא עכשיו), אויף דער עצם זאך קען ער יא זיין אן עקשן, איך וויל די זאך, נישט אויפהערן צו וועלן! אבער דווקא אין די צייט וואס איך וויל, דאס קען נישט זיין.

(חסר)

(א מענטש האט חלישות הדעת) - עס איז נאך ערגער פון פריער, נישט נאר עס האט גארנישט גע'פועל'ט, עס איז נאך גאר ערגער, עס איז נאך ערגער געווארן - ער קען דאס אויך וויזן (עשיו)[ס'], ער האט אלע כוחות, זאל מען גלויבן אז יעדער דיבור ווערט

---

[נ"ח] ליקוטי הלכות תפילין ה' הנ"ל.

[נ"ט] בהלכות תפילין הנ"ל אות מ"ג ז"ל: וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בָּזֶה מְאֹד מְאֹד, שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁנִּדְמֶה לוֹ שֶׁדְּבָרָיו אֵינָם מוֹעִילִים כְּלָל, וְהוּא רָחוֹק מִדְּבָרָיו מְאֹד. כִּי זֶה יָמִים וְשָׁנִים שֶׁעוֹסֵק בָּזֶה וַעֲדַיִן לֹא פָּעַל כְּלָל. אַף עַל פִּי כֵן צָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בָּזֶה כְּמוֹ הָעַקְשָׁן מַמָּשׁ שֶׁעוֹשֶׂה הַדָּבָר בְּלִי שׁוּם טַעַם, כֵּן צְרִיכִין בַּעֲבוֹדַת ה', כְּמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ ז"ל (בְּסִימָן נ"א בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא) שֶׁצְּרִיכִין לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה'.

[ס'] כמ"ש בליקוטי הלכות שבת ו' יב: וּבַתְרָא דְּכֻלְּהוּ מַחְוֵי לַאֲחוֹרָא, שֶׁהַקְּלִפָּה הָאַחֲרוֹנָה שֶׁבָּהֶם מַרְאָה בְּיָדֶיהָ לְאָחוֹר, שֶׁעוֹסֶקֶת לְהַשְׁלִיךְ אֶת הָאָדָם שֶׁיַּחֲזֹר לַאֲחוֹרָיו מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְהַצַּדִּיקִים בִּבְחִינַת נָזוֹרוּ אָחוֹר, כִּי אוֹמֵר לוֹ, מַה לְּךָ לְיַגֵּעַ עַצְמְךָ אֵצֶל הַחֲסִידִים וְהַיְּרֵאִים הָאֲמִתִּיִּים מֵאַחַר שֶׁאַתָּה אֶצְלָם זְמַן הַרְבֵּה וַעֲדַיִן כָּל הַמַּחְשָׁבוֹת רָעוֹת וְתַאֲווֹת הַלֵּב בְּתָקְפָּם, וְלָמָּה אַתָּה מִתְיַגֵּעַ בְּחִנָּם, שׁוּב לַאֲחוֹרֶךָ לָרוּץ אַחַר פַּרְנָסָתְךָ וְאַחַר הַמָּמוֹן כִּשְׁאָר הָעוֹלָם. וּקְלִפָּה זֹאת קָשָׁה מִכֻּלָּם, כַּמְבֹאָר אֶצְלֵנוּ כַּמָּה פְּעָמִים, שֶׁכָּל זְמַן שֶׁהָאָדָם מְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ אֵיךְ שֶׁהוּא, יֵשׁ לוֹ תִּקְוָה, כִּי הַהִתְקָרְבוּת לְבַד שֶׁמִּתְקָרֵב לַיְרֵאִים וּכְשֵׁרִים זֶהוּ בְּעַצְמוֹ יָקָר, אֲפִלּוּ אִם לֹא יְקַבֵּל שׁוּם קְדֻשָּׁה כְּלַל, וַאֲפִלּוּ אִם הוּא גָּרוּעַ יוֹתֵר מִבַּתְּחִלָּה. כִּי מִי יוֹדֵעַ מַה הָיָה מִמֶּנּוּ אִם לֹא הָיָה מִתְקָרֵב כְּלַל.

**נישט פארפאלן, איי פארוואס? 'כד חס', ווען עס וועט ווערן דערהיצט, עס וועט זיך געבן א דריי איבער!**

(רנ"ב: רבי נתן שרייבט אין די מכתבים[ס"א], מען דארף עוקר זיין די סברא פון 'יבשתא הוא') **יא, יא.**

**א מענטש דארף ארומגיין מיט א שמחה, פרייען זיך דאנקען השי"ת** (אויף דעם) **וואס ער איז מקורב צו דעם רבי'ן, און אזעלכע הייליגע ספרים, עס איז ביי מיר חשוב, האבן א שמחה פון דער זאך.**

**דער רבי האט געזאגט טאקע צו ר' נתן'ען און ר' נפתלי'ן: 'אויף מיר וואלט איר געקריגט?[ס"ב] איר וואלט דאך געווען משונה'נע מתנגדים! ווארום זיי זענען דאך ערליכע אידן!** (זיי וואלטן דאך) **געווען משונה'נע מתנגדים!**

**האבן א שמחה בלב וואס מען קריגט נישט אויפ'ן רבי'ן! די ספרים זענען ביי מיר חשוב, ווי אזוי דער מענטש איז - אבער איך קריג נישט אויף דער זאך!**

**דער ענין וואס איך האב געהערט היינט, אזא מין התעוררות דארף ווערן דערפון, און א שמחה דארף ווערן דערפון, אז עס קען אט דאס זיין, איך ווייס נישט צו עס איז דא אויף דער גאנצער וועלט, פארטרייבן מענטשן, און נישט קוקן אויף קיינעם, און קליינע קינדערלעך, און נישט קוקן, ביז א חודש צייט מוז ער פארלאזן דאס פלאץ שוין אזוי פיל יארן דארט, און אז זיי זאגן א חודש איז א חודש, און דער וואס איז נישט קיין תושב, פיר און צוואנציג שעה ארויס! טארסט נישט זיין דא, אזוי ווי עפעס א בית דין עליון גיט ארויס א משפט, אזוי קען זיין איצטער דא אין דעם עולם אזא מין העלמה?!**

---

[ס"א] עלים לתרופה מכתב מיום א' ויצא תקצ"ז: בַּעַל הַיְשׁוּעוֹת יְזַכֵּנוּ לְקַיֵּם: "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה", לְהַרְבּוֹת בְּשִׂיחָה לִפְנֵי קוֹנוֹ בְּכָל יוֹם וּלְהִתְחַזֵּק בָּזֶה מְאֹד מְאֹד בְּכָל יוֹם מֵחָדָשׁ. וְאִם בְּתוֹךְ כָּךְ בֵּין יוֹם לְיוֹם נַעֲשֶׂה מַה שֶּׁנַּעֲשֶׂה, יֵדַע וְיַאֲמִין כִּי הַדִּבּוּר טוֹב אֵינוֹ נֶאֱבָד לְעוֹלָם. 'וְכַד חַם גַּבֵּהּ אִתְהַפַּךְ'. וְלִסְתֹּר וְלַעֲקֹר הַסְּבָרָא שֶׁל 'יַבֶּשְׁתָּא הִיא' חַס וְשָׁלוֹם.

[ס"ב] ראה חיי מוהר"ן אות נ', ובעלים לתרופה הושענא רבה תר"ד.

איך מיין - (צו זאגן) ביי אונז דארף ווערן, א גרויסע שמחה דארף ווערן, ברוך השם וואס איך בין ווייט פון דער זאך, איך האב נישט חלילה אזעלכע געדאנקען, נאר אדרבה.

# יענעמ'ס עוולות מעג מען נאר זעהן מיט'ן ציל ארויסצוגיין דערפון

ר' נתן האט דאך געזאגט, 'כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו', עס איז א משנה[ס"ג], 'ווען מעג איך זעהן אלע נגעים?' אז מיין כוונה איז, איך זאל ארויסגיין דערפון.

(למשל) איינער ווערט אין כעס, (און מען זאגט) זעה ווי דער כעס איז זייער מיאוס, ס'ווערט איבערגעביטן דער צורה, איי דו ביסט דאך אויך געווארן (אמאל אין כעס)?! (אבער) ווען מעג איך קוקן אויף כעס, אז מיין כוונה איז אז איך זאל ארויס דערפון, צו זעהן ווי עס איז נישט שיין כעס, עס איז אינגאנצן נשתנה געווארן פניו, דער פנים איז געווארן איבערגעביטן, זעה ווי אזוי כעס איז נישט קיין גוטע מידה! דעמאלט מעג איך זעהן!

אויב מיין כוונה איז 'חוץ', איך זאל זיין חוץ, דעמאלט מעג איך זעהן.

און נאך אזעלכע נארישקייטן וואס מען זעהט ביי יענעם, אויב די כוונה איז נאר כדי איך זאל ארויסגיין פון דער זאך, דעמאלט מעג איך עס זעהן.

רבי נתן האט אזוי געטייטשט, אז איך זאל ארויסגיין 'מנגעי עצמו', דעמאלט מעג איך זעהן.

'כל הנגעים אדם רואה' - ווען מעג איך זעהן כל הנגעים? אז מיין כוונה איז 'חוץ' - איך זאל ארויסגיין דערפון! איך זעה אויף יענעם נגעים, אין אמת'ן טאר איך דאך נישט קוקן אויף יענעמ'ס שלעכטס; ווען מעג איך זעהן? אז מיין כוונה איז, איך זאל ארויסגיין דערפון!

---

[ס"ג] נגעים פ"ב מ"ה.

(למשל) איינער זיצט און רעדט 'דברים בטלים', איך זעה ווי עס איז נישט שיין (צריך אני להתבונן איך להתרחק מזה) חוץ, (כדי) איך זאל זיין חוץ, פון די נגעים זאל איך זיין חוץ, דערפאר זעה איך - דאס איז די כוונה.

איך דארף זיך היטן, (אויב איך זעה) יענער טוט אן עוולה, דארף איך זיך היטן (עס ארויסרעדן מיט'ן מויל אויף יענעם (דער מענטש דארף געדענקען) איך רעד אויף מיך אליין, טאמער האב איך געהאט די עוולה אין זיך אמאל צוריק מיט יארן, די עוולה וואס ער האט האב איך אויך אין זיך, נאר איך האב שוין פארגעסן, (און) אז איך זעה אויף יענעם, איך זאל יענעם געבן א מאך אוועק, נאך מיט אן עונש, מיט א מעשה, (דאן) ברענגט ער דעם דין אויף אים אליין. דער רבי ברענגט (בליקוטי מוהר"ן סי' קי"ג[ס"ד]) פונעם בעל שם הק' (אחד הנוכחים: ונפרעים מן האדם מדעתו ושלא מדעתו[ס"ה]) יא יא, מען דארף זיך זייער היטן אז ווען מען זעהט אויף יענעם א זאך זאל ער נישט אפגעבן א פסק, (ווייל דעמאלט) זאגט מען אים פון אויבן: דו האסט דאך אויך - - דארף מען זיך זייער היטן, (מען דארף) נאר (זעהן) כדי איך זאל ארויס דערפון.

עס איז זייער נישט שיין (ווען) יענער ווערט אין כעס - מען זעהט א כעס'עניש, אוי, אזוי מיאוס, עס ווערט ממש נשתנה צורתו, טורף נפשו באפו[ס"ו], (עס שטייט) - אין זוהר תצוה[ס"ז], אז דורך כעס גייט ארויס דער נפש, דארף מען גרויס רחמים ס'זאל זיך אים אומקערן די נפש, דער רבי ברענגט, 'ה' יצילנו', תורה ס"ח, 'השם ישמרנו ויצילנו ממידה המגונה הזאת, אמן כן יהי רצון.

(רמ"ב שואל על שמועה שכאילו היתה לר' נחמן טולטשינער תרעומת על זוגתו אסתר שיינדל, ועל זה עונה רבי לוי יצחק:) איך האב אסתר שיינדל'ען נישט געקענט, (ווען) איך בין געקומען איז זי שוין עטליכע יאר נישט געווען, אבער זי איז געווען אזא מין סארט דימוט'דיגער

---

[ס"ד] וז"ל: וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ (אָבוֹת פֶּרֶק ג). כִּי שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב: כִּי קֹדֶם כָּל גְּזַר דִּין שֶׁבָּעוֹלָם, חַס וְשָׁלוֹם, מְאַסְפִין כָּל הָעוֹלָם אִם מַסְכִּימִין לְהַדִּין הַהוּא. וְאַף אֶת הָאִישׁ בְּעַצְמוֹ שֶׁנִּגְזַר עָלָיו הַדִּין, חַס וְשָׁלוֹם, שׁוֹאֲלִין אוֹתוֹ אִם הוּא מַסְכִּים, אֲזַי נִגְמָר הַדִּין, חַס וְשָׁלוֹם. וְהָעִנְיָן, כִּי בְּוַדַּאי אִם יִשָּׁאֵל לוֹ בְּפֵרוּשׁ עַל עַצְמוֹ, בְּוַדַּאי יַכְחִישׁ וְיֹאמַר שֶׁאֵין הַדִּין כֵּן. אַךְ מַטְעִין אוֹתוֹ, וְשׁוֹאֲלִין אוֹתוֹ עַל כַּיּוֹצֵא בּוֹ, וְהוּא פּוֹסֵק הַדִּין, וַאֲזַי נִגְמָר הַדִּין.

[ס"ה] אבות פ"ג מט"ז.

[ס"ו] איוב יח, ד.

[ס"ז] ח"ב קפ"ב ע"ב.

מענטש, עפעס א געוואלד, זי האט געוואוסט דעם ערך פון ר' נחמן טולטשינער, אז די גאנצע זאך קלעפט זיך גארנישט; עפעס יעדע שיחה דארף מען אויסהערן?!

## אנשטאט די שיחות זאל מען בעסער לערנען דעם רבי'נס ספרים

מען האט שוין יענע וואך גערעדט, פון וואנעט נעמען זיך היינט אזוי פיל שיחות וואס עס איז אמאל נישט געווען? ווייל אמאל האט מען געלערנט מער דעם רבי'נס ספרים, מען איז מער געלעגן אינעם רבי'נס ספרים (דעריבער) האט נישט אזוי אויסגעפעלט די שיחות, א שיחה איז א שיחה, היינט האט מען אויפגעהערט צו לערנען דעם רבי'נס ספרים איז ממילא וויל מען שיחות, מען וויל דאך האבן חיות זוכט מען שיחות.

מיר דארפן זעהן (צו) ליגן אין לקוטי מוהר"ן, אין לקוטי הלכות, אין די תפילות, (אין) די מכתבים, (אין) ספר המידות, אמאל איז געווען ממש דער ספר המידות איז געווען - - דער רבי האט דאך געוואלט טאקע אזוי, עס זאל זיין שגור בעל פה דער ספר המידות[ס"ח], דער רבי האט געזאגט: "הארציגער ברודער, דאס האט מיך געמאכט פאר א אידן!".[ס"ט]

דער רבי האט געזעהן ביי ר' נפתלי'ן דעם ספר המידות, האט דער רבי געזאגט, "הארציגער ברודער, דו האסט מיך געמאכט פאר א אידן."

אונזערע לייט פלעגן פון די שיעורים קבועים אלע טאג לערנען ספר המידות, אלע טאג, לקוטי מוהר"ן, לקוטי הלכות, מכתבים, ספורי מעשיות.

---

[ס"ח] עָלֵינוּ לְהוֹדִיעַ לְגַלּוֹת אָזְנֵי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, אֲשֶׁר כְּבוֹד רַבֵּנוּ אוֹר הַנֶּעְלָם זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, הִזְהִיר מְאֹד לַעֲסֹק בְּזֶה הַסֵּפֶר "סֵפֶר הַמִּדּוֹת" וְשֶׁלֹּא יָמוּשׁ מִפִּינוּ, כִּי הוּא חַיֵּינוּ, וּכְתָבוֹ רַבֵּנוּ בְּעַצְמוֹ בְּכֶרֶךְ קָטָן מְאֹד, וְאָמַר, שֶׁכַּוָּנָתוֹ כְּדֵי שֶׁיּוּכַל כָּל אֶחָד לְשֵׂאתוֹ אֶצְלוֹ תָּמִיד, כִּי הַמִּדּוֹת הֵן יְסוֹד כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, וּבָזֶה יְזַכֶּה נַעַר אֶת אָרְחוֹ לִשְׁמֹר כְּכָל הַכָּתוּב בְּזֶה הַסֵּפֶר, אָז יַצְלִיחַ אֶת דְּרָכָיו וְאָז יַשְׂכִּיל. (הקדמת ספר המדות)

[ס"ט] בחיי מוהר"ן אות ש"פ: פַּעַם אַחַת הָיָה סֵפֶר הָאָלֶף בֵּית בִּכְתָב אֵצֶל חֲבֵרֵנוּ רַבִּי נַפְתָּלִי, וְרַבִּי נַפְתָּלִי יָשַׁב עִמּוֹ עַל הָעֲגָלָה כִּי הָיָה מְלַוֶּה אוֹתוֹ כְּשֶׁנָּסַע לְנָאווֹרִיטְשׁ. עָנָה וְאָמַר עַל סֵפֶר הָאָלֶף בֵּית שֶׁרָאָהוּ בְּיַד רַבִּי נַפְתָּלִי הַנַּ"ל, (מַיין לִיבֶּער הַרְצִיקֶער חָבֵר מַיין לִיבֶּער גִּיטְרַייעֶר חָבֵר. הָאט דָאס הָאט מִיךְ גְּימַאכְט פַּאר אֵיין יְהוּד). [אֲהוּבִי וְרֵעִי הַמָּסוּר זֶה עָשָׂה אוֹתִי לִיהוּדִי] הַיְנוּ שֶׁעַל יְדֵי אֵלּוּ הַדְּבָרִים הַנֶּאֱמָרִים בְּסֵפֶר הָאָלֶף בֵּית עַל כָּל מִדָּה וּמִדָּה, עַל יְדֵי זֶה הִתְגַּבֵּר לְשַׁבֵּר כָּל מִדָּה וּמִדָּה עַד שֶׁזָּכָה לְמַה שֶּׁזָּכָה:

(רנ"ב: זיי האבן געהאט א סדר אין שמות הצדיקים!) **יא יא, אין שמות הצדיקים - אוודאי, אוודאי.**

**איך געדענק נישט אזעלכע לומדים אבער געווען אזוי קלאר אין ספר המידות, יעדער סעיף איז א שיחה!**

**יעדער סעיף אין ספר המידות איז א שיחה, אבער עס איז אן אמת'ע שיחה! לאמיר זיין קלאר אין די שיחות, אין ספר המידות!** (רנ"ב: שיחות הר"ן!) **שיחות הר"ן!**

**מען וויל דאך נייעס, ווען מען זאל זיך נישט באנייען אין די תורה - - די היינטיגע וואך איז פרשת אמור, יעדער איינער ווייס שוין דארטן** (אין) **פרשת אמור וואס עס שטייט** (אין) **דער פרשה. די פרשה, מען ווייסט שוין, פונדעסטוועגן דארף עס זיין ניי, שבת ליינט מען אין דער תורה,** (און) **מען מאכט א ברכה - עס איז ביי מיר ניי די תורה, איך וועל זאגן, איך וויל שוין א נייע תורה?! איך וועל זאגן איך וויל שיחות פון די תורה?! עס קען דאך נישט זיין אין דער וועלט, דאס איז דאך אונזער תורה!**

**דאס אייגענע איז דאך ביים רבי'נס ספרים אויך, דאס איז דאך אונזער פארמעגן, רעדט מען אמאל א שיחה אויך, אבער מאכן דאס פאר אן עיקר?!**

# דעם רבי'נס ספרים - גן עדן אויף דער וועלט

**איינער האט געשריבן צום אנדערן אין א בריוו, "אז דער איבערשטער וועט דיר העלפן, דו וועסט אויפשטיין חצות, דו וועסט אפלערנען א תורה אין לקוטי מוהר"ן און דו וועסט בעטן דעם איבערשטן אויף דער תורה, איז 'עולמך תראה בחייך[ע]', האסטו דעם גן עדן אויף דער וועלט".**

**ס'איז טאקע אזוי, האסטו דעם גן עדן אין דער וועלט!**

**אין מיינע צייטן,** (האט אזוי) **א טאטע געשריבן צו א זוהן! ער האט געשריבן ווייל ער האט עס מקיים געווען, האט ער געשריבן צום זוהן עולמך תראה בחייך!**

(רמ"ב: ער שרייבט אין נתיב צדיק - ר' נתן ב"ר יהודה - כבר ידעת שיש קבלה בידינו אז עיקר הלימוד היינט איז ספרי רבינו!. אזוי ברענגט ער פון ר' נתנ'ען!)

---

[ע] לשון הגמ', ברכות י"ז ע"א.

רבי נתן האט אויך אסאך געלערנט דעם רבי'נס ספרים, און ער האט אסאך געלערנט שלחן ערוך, ער האט אסאך געלערנט משניות, (ער האט) אסאך געלערנט גמרא, (ער האט) אסאך געלערנט מדרש.

## מיר קענען נישט זיין אין וואלד אכצן שעה - מיר דארפן נאר אויסנוצן די צייט

עס איז אזוי, איך וועל דיר זאגן אזוי, (עס) איז דא א לשון, "ולוואי שיתפלל כל היום כולו", א מימרא פון ר' יוחנן[ע"א], אמאל זענען געווען אזעלכע מיני עובדים, וואס זיי האבן געקענט זיין אין וואלד א גאנצע נאכט, א גאנצן טאג געקענט זיין אין וואלד, זיבעצן אכצן שעה, און האבן אזא מין הארץ צום אויבערשטן – א געוואלד! פון די מענטשן רעדן מיר נישט, פון זיי רעדן מיר נישט, ביי זיי איז געווען – די תורה איז געווען - וואס שטייט דארטן אין דער תורה[ע"ב] - פון די מענטשן האבן מיר נישט וואס צו רעדן, אזעלכע הערצער, אויף זיין א נאכט אין וואלד, ארומגיין מיט א בענקאכטס צום אויבערשטן, זיי האבן אן אנדער סארט תורה, ביי זיי איז (עס) אן אנדער סארט לימוד.

מיר רעדן דאך אנשים כערכנו, מיר האבן נישט די הערצער, הלוואי זאלן מיר קענען האבן דארטן 'דעם עפעס', און דאס איבעריגע? מוז איך דאך זיך מאכן שיעורים קבועים, עס זאל מספיק זיין אויף אלעס, די צייט זאל זיין פארנומען.

אז ר' נתן איז געווארן מקורב צום רבי'ן, האט דער רבי אים ארויסגעגעבן אזוי פיל שיעורים קבועים אז דער מעת לעת האט אים נישט מספיק געווען,[ע"ג] ביים אנהויב התקרבות, שפעטער האט ער שוין געהאט אנדערע - - ביים אנהויב התקרבות, (ווען) ער האט נאך נישט געהאט דארטן די - -

אזוי פיל שיעורים האט אים דער רבי ארויסגעגעבן אז דער מעת לעת – דער זמן האט נישט מספיק געווען אויף די שיעורים!

---

[ע"א] שם כ"א ע"א.

[ע"ב] בליקוטי מוהר"ן תנינא תורה צ"ו

[ע"ג] חיי מוהר"ן אות תל"ו

מיר דארפן זיך נישט לאזן נארן, מיר האבן נישט - אונזערע מוחות, אונזערע הערצער - אויף דער זאך אליין. (דעריבער) מוז מען זיין פארנומען דעם גאנצן מעת לעת, מען זאל נישט האבן קיין צייט צו רעדן דברים בטלים, מוז איך דאך זיך מאכן אזוי, זיך אויסשטעלן דעם זמן (אז) דער זמן זאל זיין פארנומען ביי מיר.

איך האב געזעהן ביי דעם יצחק דוכאוונע, ער האט געקענט אפלערנען - - רעדט זיך דאס (ער האט אנגעהויבן) פון חמשה עשר באב, און ערב ראש השנה (פלעגט ער) ענדיגן אלע לקוטי הלכות'ער, איך זעה היינט אויך נישט די מענטשן.

(דאס איז געווען) איינער אין טעפליק, וועלכער האט געהייסן יצחק דוכאוונע, פון חמשה עשר באב ביז ערב ראש השנה (האט ער) געענדיגט אלע לקוטי הלכות'ער, א חשבון איז דא, (אז עס) דארף געדויערן א טאג דרייסיג-פערציג בלאט, איך זעה נישט היינט דעם דאזיגן (חשק), (ער האט) מיט אזא מין התלהבות געלערנט, אזוי געשמאק געלערנט, אזוי געלערנט - נישט אזוי ווי מען נייגט זיך צו לערנען (רנ"ב: וואו האט ער געלערנט, אין בית המדרש?) יא, אין בית המדרש. אזוי געשמאק געלערנט, איך בין אריינגעקומען אמאל, אה, א חיות! איך זעה דאס היינט אויך נישט, אפילו דאס דאזיגע (ליקוטי הלכות) עס האט געקענט געדויערן ביי אים, איך וויס? צוויי שעה, דריי שעה, נישט מער. מיט אזא מין ברען, מיט אזא מין התלהבות, אין דעם רבי'ן ספר, ער האט געהאט א קלייט דארטן פון שרייב-געצייג איך בין אריינגעגאנגען צו אים אמאל, האט ער געלערנט מיט איין זיץ אפגעלערנט די תורות פון - 'תקעו אמונה'[ע"ד], און 'מרחמם ינהגם'[ע"ה], 'תקעו תוכחה'[ע"ו], מיט איין זיץ בין קונה לקונה, צווישן איין קונה און דעם אנדערן קונה האט ער אפגעלערנט די דריי תורות, גרויסע תורות, און געלערנט מיט אזא מין געשמאקייט - מיט אזא מין איבערגעגעבענקייט,

---

[ע"ד] ליקוטי מוהר"ן תנינא תורה ה'.

[ע"ה] שם תורה ז'.

[ע"ו] שם תורה ח'.

ער איז נפטר געווארן אין חארסאן, איינער איז געוועזן א איד אין חארסאן האט ער מיר געזאגט: "איך האב געקאנט אייער'ס א ברסלב'ער חסיד", זאג איך אים ווער, רופט ער זיך אן: "איציק? - ר' יצחק!".

ער איז געוועזן דארטן ביי א טאכטער, האט ער דארטן זיך קונה שם געווען, ער איז געוועזן א גוטער מענטש, צו יעדן איז ער געוועזן גוט, קיינמאל נישט געוועזן אין כעס, א גוטער מענטש געוועזן דער.

(רנ"ב: ר' אלטער איז געוועזן א פעטער זיינער!) יא, ר' אלטר טעפליקער, זיין מאמע איז געוועזן ר' אלטער'ס א שוועסטער.

(רנ"ב: זיין פאטער איז אויך געוועזן א ברסלב'ער?) יא, יא, אוודאי, ראובן דוכאוונע.

(רנ"ב: איר האט אים געקענט?) ניין, ער איז געוועזן ר' זעליג'ס אן איידים, אוודאי.

נאר דער בן (יצחק) איז געוועזן - יפה כח הבן מכח האב.

דער יצחק איז געוועזן א איד א סוחר, (רנ"ב: און דער פאטער?) דער פאטער איז אויך געוועזן א סוחר.

אבער אזוי זיין דבוק אינעם רבי'נס זאך, ער פלעגט רעדן - און ער האט זיך אזוי דערוויטערט פון כבוד, ער האט קיינמאל נישט געוואלט לערנען פאר'ן עולם, קיינמאל נישט געוואלט, איך האב אים אמאל אזוי צוגעזעצט אמאל ממש צוגעקוועטשט, האט ער געלערנט פאר'ן עולם, אין טעפליק ביי שלש סעודות.

# זיין אויף דעם עולם און נישט זיין אויף ראש השנה דאס קען נישט זיין

(עס איז) א מחיה געוועזן צו הערן דאס לערנען זיינער, דאס יאר פון תרע"ט אויף ר"ה פ', קיינער איז (דעמאלס) נישט געוועזן - ער האט געבלאזן שופר.

ער איז געפארן, ער האט דאך געזאגט אזוי, די ווייב איז (אים) נאכגעלאפן - זי האט געוויינט, האט ער געזאגט: "זיין אין דעם עולם און נישט זיין אויף ראש השנה, דאס קען נישט זיין, טאמער וועט מען מיר הרג'ענען, בין איך דאך געוועזן פאר א יארן אויף ראש השנה", טאמער וועט מען אים הרג'ענען... עס זענען געוועזן דעמאלט די

באנדעם (הרוצחים אנשי פליורה ימ"ש), בין איך דאך פאר א יארן געווען אויף ראש השנה, זיין דא און נישט זיין אויף ראש השנה דאס קען נישט זיין!

(השואל: נישט ר' אייזיק'ל האט געזאגט צעשאסן וועל איך ווערן?) דאס איז עפעס אנדערש, כדי צו צו פארן (באומן) צום רבי'ן אויפ'ן ציון (ערב ר"ה באותה השנה).

ער האט געענטפערט צו דער ווייב! זיין דא און נישט זיין אויף ראש השנה, דאס קען נישט זיין!

א ברסלבער חסיד אזוי, א מחיה געווען צו רעדן מיט אים אין רבי'נס זאך! ווען ער איז געווען אן אבל, (נאכדעם וואס) די מוטער (זיינע) איז געשטארבן, האט ער געדאוונט פאר'ן עמוד, (עס איז) א מחיה געווען זיין שמונה עשרה, ער האט געדאוונט מיט טרערן, מיט אזא מין דביקות, 'אנדערע' האבן געזאגט אז אזא דאווענען הערט מען נישט! זיין מאמע קוועלט דארטן פון זיין דאווענען! מיט טרערן, אזא מין געשמאקייט די שמונה עשרה געזאגט!

(רנ"ב: ער איז געווען דער וואס ער האט געזאגט, ער שטעלט זיך פאר ביינאכט) יא, יא, (ווען) ער לייגט זיך שלאפן דערמאנט ער זיך אלע זקנים וועלכע זענען געווען אין זיין צייט, ר' נתן'ס קינדער אלע -

און אזא שפל ברך געווען, אזוי געווען ביי זיך פראסט, יעדן איינעם האט ער געהאלטן גרעסער פון זיך, און אזוי געווען ביי זיך פראסט, אזוי גארנישט, קיינמאל נישט געוואלט קיין שום התכבדות, נישט לערנען (פאר'ן ציבור), נישט גארנישט - נו אשרי לו ואשרי חלקו.

ער איז געווען דער איינציגער חסיד פון טעפליק, איך האב אים אמאל געזאגט (בהתפעלות): "אין טעפליק זאלט איר זיין אזוי?!" אנדערע זענען נישט געווען דאס! (רמ"ב: ער איז געווען פון ר' אברהם ר' נחמן'ס מענטשן?) יא, זייער שטארק.

ער האט געהאט אזא מין בענקאכטס כסדר. א בענקאכטס, א געשמאקייט, ער איז געווען א פרייליכער איד, ער האט גענומען די כלי און האט עס אוועקגעלייגט אויף זיך, און עס האט געשפילט דעם שיינעם ניגון[ע"ז].

און ער איז געווען א בעל הבית, און ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, ער האט געקענט גוט לערנען, גמרא מיט תוספות אפגעלערנט געשמאק, געקענט גוט לערנען, ער האט געלערנט!

בסוף ימיו איז ער געווען אין חארסאן (רנ"ב: ווען איז ער אוועק פון טעפליק?) ביי די באנדעס, עס איז געווארן אויס (דער אידישער ישוב אין טעפליק), מען איז זיך צעלאפן.

(רנ"ב: ער איז געקומען ראש השנה פון דארטן?) בשעת ער איז געווען אין חארסאן האט מען שוין נישט געקענט קומען, עס איז געווען ביי די דייטשן, דאכט זיך מיר אז ער איז שוין נפטר געווארן פריער, ער איז נאך אין די צדיק'ן (תר"צ יארן) נפטר געווארן, ווען ער וואלט ווען געווען זיין, וואלט ער געקומען אויף ראש השנה.

אונזערע לייט זענען געווען - כמה רעדן פון תמימות - דער איציק דוכאוונע, ער איז געווען אזא מין תמים, ער איז געווען מלא וגדוש, א גרויסער למדן געווען, א למדן גמרא מיט תוספות, ער האט געקענט גוט לערנען און אזא מין תמים אין רבי'נס זאך, א גוואלד! א גוואלד!

זיין תמימות אינעם רבי'נס זאך, ער האט אזוי גוט געמאכט, אזוי גוט געמאכט מיט זיין תמימות - א גוואלד!

(רנ"ב: ער האט געהאט זיהן?) ניין, ער האט געהאט נאר טעכטער, איין טאכטער האט ער געהאט גאר געווען עפעס א גרויסע יראת השם אין חארסאן, ביי דער טאכטער האט ער געוואוינט, ער האט געהאט נאך טעכטער די עלטערע טאכטער איז געווען גאר עפעס אן אויסנאם.

דער טראהוויצער מגיד, (אין) טראהוויצע איז דא א בריקל, פון דער זייט איז קיעווער גובערניע, (און פון) דער זייט איז חארסאנער גובערניע, קיעווער גובערניע איז געווען פרימער ווי חארסאנער גובערניע, האבן צדיקים געזאגט, 'מען האט אים (המגיד)

[ע"ז] ראה סיפורי מעשיות סוף מעשה י"א

אוועקגעזעצט אין טראהוויצע (כדי) ער זאל אפהיטן דעם תחום (גרעניץ) אז דער רע פון חארסאן זאל נישט אריין אין קיעוו, 'אים האט מען געמאכט פאר'ן שומר התחום, (רנ"ב: וואס איז דאס 'סטאריש'?) 'סטאריש' הייסט א שומר אויף רוסיש.

אה אזא אידן, איך האב אים אזוי מקנא געווען, א איד א סוחר און אזוי מלא וגדוש, אזוי בתמימות מיטן רבי'נס זאך! עס האט געשמעקט זיין תמימות! ווען איך פלעג אריינקומען אין קלייט אריין, 'האט ער מיט מיר גערעדט', ער פלעגט זיצן ביים ספר, אז איך בין אריינגעקומען האט ער גערעדט מיט מיר (מהתכלית).

(רנ"ב: ווען ער פלעגט גיין אין קלייט פלעגט ער זיך אנגרייטן אסאך ספרים?) ער פלעגט דארט זיצן און לערנען, אז עס איז אריינגעקומען א קונה האט ער געגעבן דארטן (פאר'ן קונה) און שוין, און ווייטער געלערנט.

# דער רבי האט אסאך גוטע עצות - אינמיטן דארף אבער זיין תמימות

ער פלעגט רעדן אסאך פונעם תכלית, ביי אים האב איך געזעהן אזוי - גערעדט פונעם תכלית, פונעם תכלית. יא, די פאבריק האט ארויסגעגעבן גוטע כלים, דער עיקר איז געווען נתפעל צו ווערן פון זיין תמימות, א געוואלדיגע תמימות!

ער פלעגט רעדן פון די זקנים - א געוואלד, ער האט געקענט אלע ר' נתן'ס קינדער, ר' אברהם בערנ'ו, די אלע זקנים, ר' נחמן טולטשינער, ר' אפרים (ר' נפתלי'ס), ער פלעגט רעדן פון זיי ממש - -

(רנ"ב: ער איז שוין געווען א זקן דעמאלט?) ניין, איך וויים? ער איז שוין אלט געווען זיבעציג יאר אין מיינע צייטן, יא, אבער ער האט אלעמען גוט געקענט, און ווען ער פלעגט רעדן פון זיי איז (אים) געגאנגען טרערן פון די אויגן (זאגנדיג:) "איי איי, איי איי, וואספארא מענטשן עס זענען געווען, וואספארא מענטשן עס זענען געווען!"

וויפיל ס'איז אלץ דא ביים רבי'נס זאך, גוטע זאכן, גוטע עצות, נאר דער אויבערשטער זאל העלפן, מען זאל אריינגעמען נאך דעם ענין פון תמימות אויך אינדערמיט אריין, אז יעדע זאך זאל זיין בתמימות, קלאפט עס גאר אנדערש אויס! שפילט זיך גאר אנדערש אויס דער ניגון!

**די חידושים וואס מען רעכנט אלץ אוים אלץ איז געווען מיט תמימות! תמימות!**

**- - אונזערע לייט האבן זיי געוואוסט גאר אסאך פון תמימות, געוואוסט אז גאר דעם רבי'נס זאך איז תמימות, אן חכמות!**

(רנ"ב: שבע שבתות תמימות תהיינה!, עיין לקוטי הלכות הלכות תפילין הלכה ו' והלכות פסח הלכה ט').

**די היינטיגע סדרה!** (פרשת אמור)

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **יהושע לאבין** הי"ו
סטעטן איילענד יצ"ו
לרגל שמחת
**הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **יצחק מנשה שטיינפעלד** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לרגל שמחת אירוסי בנו
החתן כמר **דוד מאיר** נ"ו
למזל טוב

מוה"ר **שלמה בנימין זילביגער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת נישואי בנו
החתן כמר **חיים ברוך** נ"ו
למזל טוב

המחותנים

מוה"ר **יואל אלי' וועבער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת אירוסי בנו
החתן כמר **שמעון** נ"י

עב"ג

מוה"ר **מרדכי ארי' פריעדמאן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת אירוסי בתו
למזל טוב

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה